START

CONTROL TEST TARGET
for Kodak Quality Monitoring



Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww Xx Yy Zz

Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww

Note: This target is intended for routine quality control checking and uniformity.
It is not to be used for certification of meeting any ANSI or ISO Standards for image quality requirements.
Note: To record background density, use a blank sheet of white paper.

A-2289 CAT 800 7403 Rev. 2/00 @ Eastman Kodak Company, 2000 Printed in U.S.A.

Document Imaging
EASTMAN KODAK COMPANY
Rochester, New York 14650
1-800-232-8811

DOCUMENT IMAGING

Kodak

Microfilmed 2004
By the
Center for Jewish History

For
YIVO Institute
For Jewish Research

NEW YORK, NY

Reproduction may not be made
without permission.

YIDDISH
DRAMA

PRESERVATION
PROJECT

YIVO
LIBRARY
REEL
Y-2004-1881.19

Rikhter, Mosheh.
Moshe Heyt als gemaynderath : lebensbild in 5 akten
Lemberg, 1907.

BIBLIOGRAPHIC RECORD TARGET

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH

Master negative Storage Number Y-2004-1881.19

Rikhter, Mosheh, d.1939.
Moshe Heyt als gemaynderath : lebensbild in 5 akten / Muzik fon Otto Matshan. Lemberg : Ferlag D. Roth, 1907.
63 p. : port. ; 24 cm.

1. Yiddish drama.—lcsh
I. Ukraine-Lviv

ID: NXYH02-B2375 CC: 9114 DCF: [HBR]
CALL #: 106208

Reduction ratio x 10.0

מֹשֶה חַיִט

אלם

געמיינדעראטה

לעבענסבילד אין 5 אקטען

פֿון משה ריכטער.

מוזיק פֿאָן אָטטא מאָטשאָן, ק. ק. אונטעראָפֿיציער.

פֿערלאַג אונד אייגענטהום דעס
דוד ראָטה, בוכהאַנדלונג אין לעמבערג.
נאכדרוק פערבאטען.

МОЙШЕ ХАИТЪ

ВЪ КАЧЕСТВѢ ГЛАСНАГО

Оперетка въ 5 актахъ

сочиненіе

МОИСЕЯ РИХТЕРА.

Львовъ. Типографія Е. Салатъ. 1907.

פערזאנען:

משה חייט שניידערמייסטער

ציפרה זיינע פרוי

נחומ'ל זייער זוהן

ר' אברהם חיים באבאד וויינהענדל.ר

פערעלע זיינע טאכטער

יושע בחור משרת ביי באבאד.

אסנע טראסק דיענסט ביי חייט

יאקעל שטאדטשיי.עך

הערדי טיילאר פאבריקאנט אין אמעריקא.

בעקי זיינע פרוי

נחומ'ל זייער ערציעהונגסקינד

ר' הערשעלע א רב

חסידים געסט עט׳צ.

ארט דער האנדלונג: ערשטער, צווייטער, פיערטער און פינפטער אקט אין גאליציען. דריטער אקט אין אמעריקא.

צווישען ביז צום דריטען אקט איין צייטרוים פון 8 יאהר.

ערשטער אקט.

(צימער ביי משה חיים שעהן מעבלירט. שרייבטיש מיט פאפיערע, גלאק. משה ביים טיש צפרה צילעט פערל)

משה: דער עולם איזלוסטיג און דער ווערקשטעטע, ווי זינגען און ארבייטען. נא צפרה ביזטו שוין פארטיג מיט דיא פערל צילען? ועהסטו צפרה איך זאג דיר אז דער איבערשטער העלפט. מען ווערט איין עושר, מעג מען קליינערהייט נישט האבען אין חדר אריין געגאנגען; איז מען אויף דער עלטער א תלמיד חכם. אפילו נישט וויא איינמאל בעזוכט דיא שולע, איז מען דערנאך אפילאזאף. דעם סימן קוק און מיר, קען איך לערנען? ווייס איך מיך אונצירייפען אין אלע בתי מדרשים. אין אלע חיים יעקבים אין אלע תנדים ווענען ביי מיר אויף די פינגער. און מענסט מיר גלייבען איך בין נישט מעהר געגאנגען אין חדר ווי ביז 6 יאהר. אין היינט אין דייטשען ווייסטו דאך ווי איך בין געבילדעט. א קאסע, א שרייבטיש האב איך. דייטש שפרעכען קאן איך, איך פאל ב"ה נישט דורך ווי איך קום. געמיינדעראטה בין איך, און פאליטישע געגענשטענדע וועמען טרעפט מען אונטער-שריעבען? „משה חיים“. איך זיטץ אזוי ביים שרייבטיש און קוק וויא דיא וועלט ריקט זיך. צוויי פילאזאפען האבען זיך אמאל געשפארט איבער איינען געגענשטאנד, איינער האט געזאגט אז דיא ערד דרייט זיך און דער צווייטער האט געזאגט אז דיא זון דרייט זיך. און איך האלט מיך אז דיא וועלט ריקט זיך, איך זעה פשוט וויא זי פאהרט. אנצוקוקען פין א מאל ביז היינט, אמאל איז א שניידערס א ווייב געוועזן אבישה, געהייסען מיינסטערקע, געמיינט זיין דעם געוועלען אונטערלעגען, איהם געדארפט קאבען וועטשערע, אבער היינט הייסטו פרוי חיים

אין דער מעבעלשטיב. פאראם דאנאג פרוי גענ יינדע רעטעהרן, מיר וועגען מיוחסים.

צפרה: וואס האסטו דיך עפים אין דעם אלמען אצינד ערמאנט?

משה: דו וועהסט דען נישט איך זיך? איך זיך דעם געגענשטאנד דעם געמיינדעראטה־דעקרעט. און קען עס נישט טרעפען, איך זיך עס שוין איבער איין שטונדע אונד איך בעגעהטיגע עס ועהר האבען ווייל הייטע נאכטס ווירד איינע געמיינדעראטס זיטצונג זיין אין געמיינדראטה הויז איבער א געמיינדעראטה געגענשטאנד.

צפרה: נא וואסושע זוכסטו? אין אז דיא וועסט זוכען 10 שעה וועסטו עס דען געפינען? נחומל קימט באלד אריין, וועט ער צו געהן צום שרייבטיש און זאריז געבען.

משה: ווייב! מענג דיך ניכט און פאליטישע געגענשטענדע. איך קאן עס וועלבסט ערקענען, עס איזט אין בלויער בלאנקעט מיט איין ראטהעם טינט געשריעבען.

צפרה: פאלגזשע מיך און ווארט ביז נחומל וועט אריין קומען.

משה: אוי! נחומל, נחומל, דער פערהאקט מיר מיין קאפ מיט מיינע געהירען, אין בעטטען איך דארף פערזארגען געשעפטליך אדער פאליטיש, אדער געמיינדע געגענשטענדע ליעגט ער מיר אויף מיין געוויגד, וואס דער נחומל קאסט מיך, לערנען מלמדגעלד קאסט ער מיך פיעל מעהר וויא די געמיינדע קאסע האט! אנגעליינט! ער קען ב״ה דייטש האב איך קיינמאל נישט געוואשאליוויט לעהרערס מיט פראפעסארען, ער קען, אונגעליינט, שיין איז ער, מעלות האט ער, געלד נים משה חייט וויפעל מען וויל, ברענגזשע מיר אריין א שנור מיט א מחותן ווי מיר פאסט, לא, מיט א צענטימעטער. נור ניין! כל זמן משה חייט לעבט און האט דיא געמיינדעראטה שערע אין דער האנד, וועט זיין אזוי וויא איך וויל, אלעס מיז ציטערן ווען משה חייט גיט א געשריי, ווער שמיעסט אזעס וועט מיר נאך געלינגען דאס איינע, וועט זיין אז אלעס וועט מיזען שטעהן טשאפקע נאבאק, הערסט! איך האב

שוין איינען אנטראג געגעבען דעם געמיינדע סעקרעטער, ער זאל שרייבען איין בעווך צום שטאטהאלטעריי־סעקרעטער, דאס נאכדעם איין געוויסער משה חייט ערסטער געמיינדעראטה דער היעזיגען געמיינדע־געגענשטענדע מיט דעם נאמען חייט, בעט ער איין אום צו ענדערונג זיין נאמען, אנשטאט חייט זאל ער הייסען חייטאווסקי. און דאמאלס וועט ערשט דיא גאנצע וועלט אונשפעקטירען פאר משה חייטאווסקי. אזא קאלעגע וועט זיך מיר פארשטעלען „פאפלאווסקי" „קאנאטאווסקי" וועל איך מיך איהם אקעגען שטעלען „חייטאווסקי" הערסט! דרך ארץ פאר משה חייטאווסקי.

צפרה: צו דיינע פאליטישע זאכען מיש איך מיך נישט, צו דיא וועסט הייסען פאפלאווסקי צו חייטאווסקי, אבער משה וועסטו תמיד הייסען, נור וואס אנבעלאנגט אונזער נחומל, וויל איך טאקע מיט דיר רעדען, וועהסט איך זיטץ אין צילע די פערל, אין דערמאן מיך אין יענעם פערעלי. מיין ליעבער מאן, איך פערשטעה דיך נישט וואס גע־וואלדיוויסטו אזוי אין דעם שידוך, זאג מיר וואס פיר איין פעהלער האסטו אין דעם, צו האסטו א חסרון אין פערעלע חלילה? צו אפשר געפעלט דיר נישט ר׳ אברהם חיים באבאר פאר א מחותן?

משה: א טאקי דאס וויל איך נישט. איך וועל דיר דערצעהלען שלשה דברים
ווערטער. איך וויל א מחותן מיט א שניר אזוי ווי מיר אונשטייט. 2
איך וויל נישט יענער זאל זיך בלוזען קעגען מיר, אז איך בין משה חייט א שניידער׳ און ער איז ר אברהם חיים באבאר. איך פערשטעה אבער נישט וואס איז ער קעגען מיר? איך מיין איך בין מעהר מיוחס פון איהם. ער איז קולטוס פארשטעהער. איך אויך, געמיינדעראטה בין איך יא, ער נישט. גבאי אין שיהל בין איך יא, ער נישט. ווייב! איך ביטע דיך אז דו ווילסט נישט אז דער גאנצער געמיינדעפאק אקטען זאל דיר נישט ליגען און קאפ, זא רעד מיר נישט מעהר דאפאן. איך וויל א מחותן ער זאל מיר זאגען מיטן פילען מויל לחיים מחותן. איך זאל מיט איהם זיטצען און רעדען פאליטיק, און ביי אידב

זאל עס דיין אבבוד, און טאקע דאבייי א גלעזעלע וויין און זיך צו זינגען א ברכי נפשי ווי אין פרק שטעהט.

צפרה: הערזשע! איך וועל דיר זאגען שלשה דברים נור 3 ווערטער. אז נחומל האט געזאגט אז דיא וועסט נישט אריבער געהן צו ר' אברהם חיים באבאד, און אלע מעגליכקייטען אנווענדען ער זאל זיך מיט אונז משדך זיין, וועט ער אוועק און דער וועלט אריין, און דו וועסט בלייבען ביי דיין לא מיטן צענטימעטער. דען ווי גליקליך דארפען מיר זיך שעטצען אז אונז זאל דאס קענען צו האנד קומען ר' אברהם חיים באבאד דעם קראקאווער רב'ס מחותן פון איין טאכטער, און ר' משה חייט פון דער צווייטער טאכטער. דו פארסטריגיזויטער שכל, איך וואלט נישט געוואלט זיין דער שדכן צו גיין אונשלאגען ר' אברהם חיים א שידוך און איהם ארויס זאגען מיט משה חייט.

משה: וואס איז משה חייט? אט טאקע דאס וויל איך נישט. ווען עס קאסט מיך מיין לעבען, און ווען עס קאסט דיך דיין לעבען, און ווען נחומל פאהרט לחיים ולשלום און דערלעבט נישט צוריק צו קומען, איז נישט. איך וויל נישט קיין מיוחסים, איך האב א מדרש פון מיין טאטען ז"ל „יחוס נא קברות א וודאמא סיפקע צרות"... (צייגט קאסע קאסטען) ועהסט דאס איז יחוס, כבוד, פארשטעהער, געמיינדעראטה, שכל, חכם.

צפרה: אמת! אבער ווען ר' אברהם חיים באבאה, זאל דאס אלעס פעלירען, בלייבט ער ווייטער ביים נאמען, מיטן כבוד, מיט דרך ארץ, נישט שעטצען אזא געפאלענעם מענשען, קען קיינער נור ר' משה חייט מיטן צענטימעטער. אבער ווען דער קאסעקאסטען ציהט זיך אויס פון משה חייט, בלייבט ער ביים שפיטץ פון דער נאדעל, אין שטעפ פון דער מאשין, און דער לא מיטן צענטימעטער ווערט אויס חכמה, און אז נחומל וועט אוועק פאהרען, ווער וועט אונטער חתמ'נען דעם געמיינדעפארשטעהער?

משה: משה חייט קען זיך אליין אלעס פיהרען, ער האט ב"ה אשרייב-טיש, און אז איך וועל דארפען, קויף איך מיר א זיעגעל, אין ער זאל פאהרען צו אלדע רוחות...

(אויפטריט נחומל)

משה: נחומל! גיט וואס די ביזט דא, וויא אזוי הייסט דאס אויף לשון קודש אז איינער שפארט זיך מיט דעם אנדערן?

נחומל: א וכוח.

משה: יא, יא, א וכוח, איך האב גאר פארגעסען עס שטעהט דאך אין תכנת שבת, איך האב דא מיט דיין מאמען א וכוח אלס וועגען דיינ'ט וועגען און דיין אונטערעסע, אלס וועגען ר' אברהם חיים באבאד. דיין מאמע פארשטעהט דאך פאליטיק פינקט אזוי ווי מיין בינעלאייזען, נור דו מיין קינד ביזט דאך עפים אויך געבילדעט, זאג נור וועמעס זיהן ביסטו?

נחומל: ר' משה חייט דעם געמיינדעראט פארשטעהערס.

משה: בילדען האט דיך דיין פאטער געלאזט?

נחומל: לערנען גמרא, פוסקי, דייטש, און ענגליש.

משה: אמת מיין קינד, און וויפיעל געלד קאסטעט דאס?

נחומל: אסך מעהר וויפיעל עס איז דא אין דער געמיינדעקאסע.

משה: אין נאך וואס האב איך דאס אלעס געטיהן?

נחומל: די פפליכט וואס יעדער פאטער דארף טהין.

משה: און וועמין צו ליעב?

נחומל: אינז ביידע וועגען, מיר צוליעב, איך זאל נישט זיין א גראבער יונג אין דיר צו ליעב, דען מיט א זיהן א גראבען יונג וואלסטו נישט געווען געקענט האפען צו ווערין ר' אברהם חיים באבאדס מחותן.

משה: הלואי וואלסטו געווען געשטארבען א נפלה, הלואי וואלט איך געווען דעם קאפ געבראכען איידער איך האב דיך געלאזט לערנען בילדיווען, אוי א ווייב, זי קען צו אלעמין ברעננגען, אז איך האב תמיד געזאגט, געשריגען „צפרה" מיר האבען א זיהן וואס טויג מיר תורה,

וואס טויג מיר לעהרערס, משה חייט האסט א קדיש גיב אכטונג אבי ער קען זאגען יתגדל ויתקדש שמי רבא, ווען איהם אנדער ביים ווארסטאט, גיב איהם נאדעל, שער, און ארבייט. ניין, זאגט צפרה חכמה, האסט א זוהן, לערין איהם, בילדעווע איהם, היינט רעד ער צום טאטען ווי איטשינו גענועלע. אז איך האב תמיד געשריגען, ווייב, מענגע דיך נישט צו קינדערערציהונג, גאה פרעג דעם קליגען שלמה המלך, וועט ער דיר זאגען, אז ער האט איבער-טאלאבענדעוועט מיט טויזענד ווייבער, און אלע זענט איהר אויף טויזענד כפרות. — נור אוים! שלום פון דער זיטצונג! איך וויל מעהר ביי מיר אין שטיב פון דיא ווערטער נישט הערען. אברהם חיים באבאר איז געשטארבען, און ברוך דין אמת.

נחומל: גיין פאטער! נישט אזוי גיך זאגט מען זיך אב אויף אזא מענש וויא ר׳ אברהם חיים באבאר, געשטארבען, אז חלילה איבער 100 יאהר ווען אזא מענש שטארבט, דארף מען זאגען נפטר.

משה: נפטר פיפטר אבי ער לעבט און האט פרנסה.

נחומל: הער טאטע לעבען, מעהר וועלען מיר שוין דאריבער נישט רעדען, דעם קאמפף וואס איך האב דא מיט דיר, דעמזעלבען האט פערעלע אויך, נור דער אונטערשיעד איז, איך קעמפף מיט ר׳ משה חייט ער זאל ווערען ר׳ אברהם חיים באבאר׳ס מחותן, און זי קעמפפט מיט ר׳ אברהם חיים באבאר ער זאל ווערען ר׳ משה חייט׳ס מחותן, פערעלע איז שוין אוים מענש, און קען, און וועט דאס ניט פועלען.

משה: נא וואסזשע ווילסטו בן יחיד מיינער? אויף דעם האב איך בעדארפט געלד שפארען, איין עושר ווערין, א תלמיד חכם ווערין, א געבילדעטער מענש ווערין, געמיינדעראט ווערין, א שרייבטיש זיך קויפען, אז מען זאל ערשט דארפען בעטען, מען זאל זיך מיט מיר וועלען משדך זיין? הערסטו ציפרה׳ס זוהן! אזוי ווי ס׳איז מעגלעך צו מאכען פון ליינוואנד א גראף א ראק, און צו נייען מיט אנאדעל און א

שפיטץ, און צו שטעפען אויף א מאשין און א שיפל, אזוי וועט פון דער מאטעריע זיין א מלבוש.

נחומל: איך וויל זאלסט אריבערגעהן צו ר׳ אברהם חיים באבאר.

משה: וואס ווילסטע? איך זאל אריבערגעהן צו אברהם חיים באבאר? אזוי ווי... זאג מיר נאר ציפרה׳ס זיהן, ווי אזוי האט געהייסען שכם׳ס טאטע?

נחומל: חמור!

משה: וואס איז די טייטש חמור?

נחומל: אייזעל!

משה: חמור דאס אייזעל, שכם׳ס טאטע איז געגאנגען צו יעקב׳ן און האט איהם געזאגט שכם בני שחקה מיין זיהן שכם גליסט צו אייער טאכטער פוטיפערא גיטץ זי איהם פאר א ווייב. אבער אזא אייזעל איז משה חייט נישט. אן עק! טוה וואס דו ווילסט. און פאהר ווי דו ווילסט, און האב חתונה ווען דו ווילסט. און מיט מיר ביטע איך עמטליך נישט מעהר דאפאן צו שפרעכען.

נחומל: איך וועל בעגעהן איין זעלבסט מארד.

משה: עה! אויף דעם ביסטו משה חייט׳ס זיהן, דיין טאטי וואלט זיך נאך דיין מאמען אויך נישט דאס לעבען גענומען, הער מיך אוים וואס איך וועל דיר זאגען! די ווערסט א חתן? מאיר דאקטער גיט 6 טויזענד גולדען מיט קינפט. און האט א מיידעל א בן מלכר, און זוכט אזא יונגעל ווי דו, איך ווערדע אויך געבען 10 טויזענד גולדען מיטקינפט, וועט איהר האבען א שעהן קאפיטאליזמוס, און איך וועל האבען א מחותן, וואס איך וועל איהם קענען קלאפען אין די פלייצעס אריין.

צפרה: א וועהטיג איז מיר, וואס רעדסטו? ערשטענס איז דאך זיין מיידעל נישט שעהן.

משה: א מיידעל דארף נישט זיין שעהן אז מען האט ליעב דאס ווייב, איז דאס ווייב שעהן.

צפרה: אין צווייטענס הייסט זי דאך צפרה גלייך ווי איך, מען טהאר דען?

משה: א כפרה די שוויגער פאר דער שניר!

(אויפטריט יאקעל)

יאקעל: גוט מארגען! ה"ר געמיינדעראט.

משה: עה יאקעל וואס מאכען זי דא?

יאקעל: ה"ר געמיינדעראט! איך בין צו איהנען געקומען מיט אביטע, זא ווי זי וויסען דאס די שטאט רירט זיך נישט אהן יאקלען, ביי א געמיינדעוואהל ווער ברענגט לעגוטימאציאנס-קארטען? יאקעל! און ווי איהר דארפט א שייגעטץ איז דא יאקעל, דערפאר האב איך צו אייך א טובה, פאר וואס פרעגט איהר מיך נישט וואס מיינע פאות זענען אזוי צובארשט?

משה: איך האב דיך טאקע דאס געוואלט פרעגען, זא גרויסעס האר?

יאקעל: איך בין איין אלמן געווארען, אין מארגען איז נאך שלושים, בין איך דעסטוועגען אהער געקומען, ווי איך קען אייער אסנע, ווי פיין און קליג זי איז, און צום געשעפט קען זי טויגען, האב איך געוואלט בעמיהען ה"ר געמיינדעראט, אין פרוי חיים, מיט אייך איבער רעדען מכח 17 אין 14.

צפרה: וואס יאקעל? אייער ווייב איז געשטארבען? וואס האט איהר געפעהלט? נוא אין איהר ווילט שוין חתונה האבען?

יאקעל: סטאטש! עס איז דאך מארגען שוין נאך שלושים, און וויפיעל דארף עס א מאן קלאגען נאך א ווייב? מעהר ווי שלושים? שבעה געזעסען, שלושים געהאלטען, א טבעת קדושין רינג האסטו, וועטן עס ארויף אויף איין אנדערער מויד און זינג נאך אמאל כל מקדש.

משה: איך האב גרויס מיטלייד יאקעל וואס דיין ווייב איז נפטר געווארען, נור וועגען אסנע, מיין איך איז פיסטע רייד, דען זי איז א משוגענע מויד אין האלט אין איין שרייען נישט חתונה האבען.

יאקעל: אבער יאקעל וועט איהר געפעלען, יאקעל געפעלט אלע מיידלעך, אין אסנע וועט זיך מיט יאקלען אויך נישט נארפען.

משה: דו ביסט דאך א וואילער יונג יאקעל, געה אריין אין קיך! אסנע פארעט זיך דארט, מאך דיר מיט איהר א געשפרעך, אין ביי נאכט וועל איך שוין דעם געגענשטאנד אמטליך ערלעדינגען (יאקעל אב. —

(נחומ'ל לאוט זיך געהן)

צפרה: נחומל ווי געהסטו?

נחומל: איך האב מיט מיין טאטען מעהר קיין טענות, אדיע ליעבע מוטער,

צפרה: ווי געהסטו נחומל?

משה: חאפ זאלץ אין נארף איהם נאך, אדיע, פאהר מיר לחיים ולשלום, פאראם דאנאג, די זיטצונג איז געשלאסען.

צפרה: הערסטו מיין ליעבער משה, כל זמן איך רעד צו דיר ווי צו א מאן, רעדסטו מיט'ן אייבער קול, אבער אז איך וועל אנהייבען צו דיר צו רעדען ווי צו איין ה"ר געמיינדעראט, וועסטו דאכט זיך פערגעסען אין דיינע שנידערישע תורות. מאיר טאקער געפעלט דיר יא, אין ר' אברהם חיים באבאד נישט? ה"ר געמיינדע פארשטעהר!

משה: (קלינגט) איך ביטע אום רוהע! איך ביטע אום רוהע! אונד הערט מיינע לעצטע אבשטימונג, אז ווען עס ווירד נאך אמאל תקיעת ים סוף, ווען עס קימט די שלאכט פין די 31 מלכים, אין ווען אסמאן פאשא שיסט אוים אלע רוסען, אין ווען עס קימט ביסמארק מיט אלע זיינע קאזאקען, אין ווען עס ווירד נאך א מאהל איין אויפשטאנד ווי אום יאהרע 1948, וועט איהר ביי מיר נישט פועלען, אין באסטא. שלום דער רעבאטע.

(אויפטריט דיענער מיט א בריעף)

דיענער: (צו נחומל) איין בריעף פיר זי. (אב)

נחומל: מוטער! ר' אברהם חיים באבאד קימט היינט אהער.

צפרה: וואס איז דאס פאר א נייעס נחומל?

נחומל: (לעזט) ליעבער נחומל מיין קאמפף מיט מיין טאטען איז געוועזען שרעקליך, אין עס איז מיר אונמעגליך געוועזען איין ווארט דאפאן צו רעדען. היינט האט מיך פראפעסאר חמעלינסקי בעהאנדעלט.

מיין מאמע האט דעם פראפעסאר בעגלייט. און מיט איין שרעקען איז דער פאטער צו מיר צוריק. קינד מיינס וואס פעהלט דיר? זאג מיר, הייב אויף צוויי פינגער אין שווער מיר, האסטו נחומל חיים ליעב? ווייסטו אז אהן איהם וועסטו נישט קענען לעבען? איך האב געשווארען, אלזא מיין קינד, זאגט צו מיר מיין פאטער, דיין וואונש זאל ערפילט ווערען. איך וועל מיין שטאלץ בייגען. און מיין כבוד לייגען אין א זייט, אבי די מיין קינד זאלסט גליקליך זיין, און נאך היינט וועל איך זיין ביי הר' חיים דאריבער צו רעדען. מעהר קען איך דיר אצינד נישט שרייבען, נור האפנונג און גליק אויף, דיינע עוויג טרייע פערעלע. — נו טאטעניו, זעהסטו צו וואס מען דארף בילדען קינדער? איין חילוק צו ר' אברהם חיים באבאד ער האט בילדונג, תורה און איין פאטער — הערץ.

משה: ער האט מיר נישט מיין שוועל איבערציטרעטען. איך וועל איהם בעליידיגען מיט דער בלאטע. איך וועל אנזאגען לעאנען, ער זאל שטעהן ביים טויער א גאנצען טאג און אבווארטען. און מעגליך קומט ער היינט אהער, וועט איהם שוין לעאן געבען צו פערשטיין דעם פסוק לא יחרץ כלב לשונו. ווי איז ערגיץ יאקעל? איך וועל וואר-פארט יאקלען? ציין איהם אריבערשיקען זאגען, ער זאל ניט וואגען צו קומען מבואו ועד צאתו לפתח ביתו. יאקעל! יאקעל! (אב)

צפרה: ני וואס שטעהסטו אזוי טרויריג מיין קינד? זיי מונטער. כרעהליך. די האסט שוין דיין גליק ערייכט. זיי נישט געקרענקט, דער גע-מיינדעראט וועט שוין דעם דעקרעט אונטערשרייבען.

נחומל: מאמיניו! מיינע אויגען זעהען אצינד דאס גאנצע גן עדן, ר' אברהם חיים באבאד אלס שוויגערפאטער, פייבעלע אפרתי אלס שוואגער, נור וועה (ציינט ווי משה אבגעגאנגען) משה חיים אלס פאטער. איך שעהמע מיך חלילה נישט מיט מיין פאטער, ער איז מיר אויך דער וועלבע כבוד, איין עהרליכער מאן, זיין פערמעגען ערווארבען מיט כח-

מיט ארבייט, מיט עהרליכקייט, נישט בערויבט קיינעם, נישט בעט-טראגען קיינעם, נור זיין איינבילדונג. מאמיניו! עס איז דאך א נס מן השמים, וואס ר' אברהם חיים באבאד וועט היינט אהער קומען, און אז ער פאטער וועט איהם גאט בעהיט בעליידיגען מיט זיינע נארישקייטען, בין איך פערלארען.

צפרה: זארג נישט מיין קינד, קים איך וועל געהן אנזאגען לעאנין, אז אפשר הייסט ער איהם אבווארטען, זאל ער שטעהן אין אבווארטען, און אז הר' באבאד וועט קומען, זאל ער איהם בעגריסען מיט א האנדקוס, און איהם זאגען, אז ער ערווארטעט איהם איינענם, אום איהם אהער אריין צופיהרען. (ביידע אב.)

(אויפטריט אסנע לאזט אראב אפאם)

אסנע: אז וואס עס האט זיך מיר געחלומט די נאכט, און יענע נאכט, און אלע נעכט פין אגאנץ יאהר, זאל מיר צו זיין קאפ אויסגעהן, הערט! א שלימזלדיגער יוד האט זיך מיר אבגעפרעגט, עס האט נישט ווער עס זאל לאכען, הערט, אשטעל פאר אחתן ניט זיך פאר מיר, נומען טאג פריילין! איך הייס יאקעל שטאדטסמאן, (שטאטשיינימק וויל ער נישט זאגען) זי וויסען פריילין איך בין גאטזעליג געווארען נאך מיי פרוי? ברוך דין אמת, זי וויסען פריילין מיינע פראפעסיאן? איך בין סארווער, מעלאטשע, קהלםמענש, שמש. און איך האפע מיר צו מאכען א געשעפט, און זי זאלען עס פערוואלטען. נא וואסושע ווילט איהר פון מיר? וואס הייסט, איך וויל אייך בעגליקען מיט דעם גליק, איך וואלט מיט איהם זאריז געוועהן געשריעבען תנאים דאס הייסט אלע טעלער פינים קרעדענץ וואלטען איהם געוועהן געלעגען אין קאפ, נור מיט דער טהיר וואס ער איז אריין, איז ער מיט דער אנדערער ארויס צו אלדע רוחות. אסנע! אסנע איז ב"ה א שם דבר. אסנע האט שוין דורכגעווארפען ל"ו חתנים אין דער ערד אריין מיטן קאפ. נישטא צווישען זיי איינער א רעכטער. אסנע האט שוין אבגערעכט 64 סדר נעכט, עס הייסט פשוט, אמת איך בין שוין

אלט 32 יאהר, אבער איידער צו נעמען א מאן נישט ארעכטען, איז בעסער צו שטארבען מיט א מאש איידער מיט א הויב. אסנע איז א מבין אויף א מאן, נור נישט אסנען וועט מען פערדרייען דעם קאפ. מיין בע״ב איז אגביר, אין שטאט אלעם, געווארען געמיינדעראט כל וכל אין שטאט. א וודאי איז ער א בר מזל צו האבען צפרה חיט פאר אווייב. ווען נישט זיא, וואלט מען איהם נאך געלאפען אין די גאסען, צפרה פערשיינט איהם, קויפט איהם כבוד, און זי מיינט אז איך בין זיא מקנא, א נגידית, לעבט אין לאכט, נור אב צו לעבען מיט משה חיט א וועלט, איז אך אין וועה צ׳ין איהר געלעכטער.

1.

ווי איהר וועהט דאס גאנצע גיטס,
מיט זילבער גלאנץ און פראכט,
און מיין פרוי תמיד אויפגעפיצט,
און שטענדיג לעבט און לאכט,
גאלד און ברילאנטען, פערעל, דימאנטען,
וועהט מען און יעדער זייט,
א סך מזומנים, מיט א פרעהליך פנים,
אבער קיינער ווייסט נישט וואס זי לייד.
מיט משה חיט אבפיהרען אוועלט,
א גראבער יונג, א משוגענער, א שלעכטער
מיט איהר פערמעגען און א סך געלד,
איז ! פרוינא די לאכסט? וועה איז דיין געלעכטער

II

א מיידעלע וועהט מען ארימוואנדערן,
עלטערן הערט זי ווי די קאטץ,
אויף דאנדעוואס אלע מאל מיט איין אנדערן,
אלע טאג אויף איין אנאנדערן פלאטץ,
עס איז קיין חילוק, זרח אדער שמואליק,
אבי זי געהט נאר מיט איונג,

שטיפט און לאכט, ווי טאג אזוי נאכט,
א קיש פוילט מען זייער גרונג,
און נאך דעם קיש וואס איז געשעהן,
עס זאל זיך גארנישט טרעפען ביי יודישע טעכטער,
דאס געלעכטער האט די מאמי דערזעהן,
טאכטערניא די לאכסט? וועה איז צו דיין געלעכטער.

III

א גרויסער סוחר איז גאר איינער,
מיט געוועלבען און פאבריקען,
זיינע סודות ווייסט נישט קיינער,
ווי די צאהלונגען טהון איהם שטיקען,
אויף יעדען ערטעלע, רעד ער א ווערטעלע,
און לאכט מען זאל זיך נישט אנשטויסען,
מיט א לאכעלע, שטיפט ער זיין באבאלע,
יענער זאל נישט וויסען פון זיין גוסס׳ן,
לאכענדיגערהייט טהוט ער מיינען,
אז קיינער ווייסט ניט פון זיין לאגע דער שלעכטער,
אבער מיר קענערס, קענען ליינען,
אז טאטעניו די לאכסט, וועה איז צו דיין געלעכטער,

(טאנצט, אב, — אויפטריט משה) אויפטריט משה רופט אסנע! אסנע!

משה: אסנע! אסנע! איך זיך דיך. אסנע! זאפארט זאלען ווערען בעד לייכטעט אלע לייכטער, זא פארט זאל ווערען געמאכט און שטיב כיד המלך, דער קאסע קאסטען זאל זיין אפען. דאס גאנצע גאלד און זילבער פון אלע צימערן זאל ווערען א הער אריין געבראכט. זאג דער פרוי זיא זאל זיך קליידען און שעהנסטען צירינג. דו און לעאן זאלט איהר אייך קליידען און שעהנסטען פארבאד. נא קויף דיר א ווייסע מאשע און לעאן א ווייסע קראוואט. און איהר האט דא אבצוווארטען ביי דער טהור, מעגליך קומט היינט א הער ר׳ אברהם חיים

בַּאבַּאר, זָאלְט אִיהְר אִיהם אַרײַנְפִֿיהְרֶען טַאק פָּא פַּאנְסְקָא. גֶעה אוּנְד אַלֶעם זָאל מִיר װֶערֶען שְׁנֶעל גֶעמַאכְט.

(אָסנע אב)

משה: הֶערְט אַ נַארִישְׁקֵייט פוּן מִיר, אִיךְ זָאל אִיהם נִישְׁט הֵייסֶען אַרײַנְלָאזֶען, פֶערְקֶעהְרְט, יָא אַרײַנְלָאזֶען, לָאז עֶר זֶעהְן כְּטוֹב לֵב הַמֶּלֶךְ בַּיִין, לָאז עֶר זֶעהְן װִי אַ הֶערר גֶעמֵיינְדֶעראַט װאהְנְט. אוּן דָא װֶעל אִיךְ אִיהם מְכַבֵּד זַיין מִיט אַ פָּסוּק בָּרוּךְ שֶׁאָמַר, אַז עֶר װֶעט נִישְׁט װִיסֶען מִיט װֶעלְכֶער מְהִיר פְרִיהֶער צוּ אַנְטְלוֹיפֶען. דֶען װָאס אִיז עֶר דֶען בַּיי מִיר? עֶר אִיז יָא בַּיי מִיר גַאר נִיכְטְ'ס. (ער זעצט זיך)

(אויפטרים צפרה, נחומל, דיענער מיט וויין)

משה: (שרייט) אַסְנֶע! בְּרֶענְג מִיר הֶערַיין דָאס סִינְטֶערנַאנְטֶע בְּלַאט.

צפרה: נָא מַיין לִיעֶבֶּער מַאן, צוּ לִיעֶב גֶעטְהִין? (צייגט איהם דאס שטוק)

משה: יַא, נוּר עֶס פֶעהְלְט נָאךְ אַ פָּאר שְׁנִירְלֶעךְ פֶּערֶעל, אַלֶעם זָאלְסְט אָנְטְהִין. נָחוּמֶל, טוּה אָן נָאךְ אַ זַייגֶער מִיט אַ קֵייט. נָחוּמֶל! הָאסְט צוּ רֶעדֶען תוֹרָה, דַייטְשׁ, עֶנְגְלִישׁ, מִשְׁנָיוֹת, פְרַאנְצֶעזִישׁ, עֶר זָאל זֶעהְן װָאס פַאר אַ קֶענֶער דוּ בִּיסְט.

(אויפטרים אסנע מיט ציימונג)

משה: אַסְנֶע! גֶעה אַרִיבֶּער צוּ דִי צְװֵיי װַייבֶּער, װֶעלְכֶע זֶענֶען דָא גֶעבְּטֶען גֶעװעזֶען, פוּן מִיר פֶערלַאנְגְט אַ טוֹבָה צוּ דֶער גֶעמֵיינְדֶע, זָאלֶען זֵיי מִיךְ קִימֶען בֶּעטֶען דַאמַאלְס װֶען עֶר װֶעט דָא זַיין, װֶעל אִיךְ זֵיי שׁוֹי אַלֶעם פוֹילֶען.

צפרה: זָאג נוּר מֹשֶׁה, װָאס בִּיזְטוּ אִין שְׁטָאט?

משה: (אין ציימונג) װִיעֶדֶער אֵיין אוּנְגְלִיק גֶעשֶׁעהְן, אַזוֹי פִיעֶל מֶענְשֶׁען גֶעהַרְגֶעט גֶעװָארֶען.

נחומל: (דרעהט איבער די ציימונג) נַיין טַאטֶענְיוּ! הַאלְטְסְט פֶערְקֶעהְרְט דִי צַייטוּנְג, דָאס זֶענֶען אַלֶע גֶעמֵיינְדֶערֶעטְהֶע פוּן װִיעֶן, װָאס זֶענֶען אַצִינְד גֶעװֶעהְלְט גֶעװָארֶען.

משה: גֶעמֵיינְדֶערֶעטְהֶע? מָארְגֶען שְׁטֶעל אִיךְ אֵיין אַנְטְרַאג אִין גֶעמֵיינְדֶע רַאטְהוֹיז, אִינְזֶערֶע אַלֶע גֶעמֵיינְדֶערֶעטְהֶע אוֹיךְ צוּ פָאטָאגְרַאפִירֶען.

אִין מֹשֶׁה חַיִּיט זָאל אוֹיךְ דָא שְׁטֶעהְן.

צפרה: זָאג זְשֶׁע מִיר מֹשֶׁה, װָאס בִּיסְטוּ אִין שְׁטָאט?

משה: גֶעמֵיינְדֶערַאט, קוּלְטוּספָארשְׁטֶעהֶער, שׁוּהְל גַבַּאי.

צפרה: אִין ר׳ אַבְרָהָם חַיִּים בַּאבַּאר אִיז עֶפִּים גֶעשֶׁעצְט אִין שְׁטָאט? נִיט דוּרְךְ דִי כִּבּוּדִים, נוּר דוּרְךְ זַיין עֶדֶעלְקֵייט אִין פֵיינְהֵייט, דַארוּרְךְ מַיין לִיעֶבֶּער מַאן הָאבּ זְשֶׁע פֶערשְׁטַאנְד װִי אַזוֹי מִיט אַזַא מֶענְשׁ צוּ רֶעדֶען. צוּ יָא שִׁידוּךְ צוּ נִישְׁט, לָאז עֶר זֶעהְן אַז עֶס פַּאסְט דִיר בֶּעסֶער הַאיֶעטַאװְסְקִי װִי חַיִּים.

נחומל: אָה, דָאס אִיז דֶער גֶעמֵיינְדֶערַאט רֶעקְרֶעט. זֶעהְסְט טַאטִינְקָא װִי עֶר שֶׁעצְט דִיךְ, עֶר קִימְט דִיךְ בֶּעטֶען. זֶעה טַאטֶע לֶעבֶּען זָאלְסְט אִיהם נִישְׁט בֶּעלֵיידִיגֶען.

משה: אַז עֶר שֶׁעצְט מִיךְ? עֶר דַארְף מִיךְ שֶׁעטְצֶען! װָאס אִיז עֶר גֶעגֶען מִיר? עֶר קוּמְט מִיךְ בֶּעטֶען, מֶעג עֶר מִיךְ בּוּטֶען בִּיז אִין טוֹיט אַרַיין, אִיךְ װֶעל אִיהם בֶּעלֵיידִיגֶען, אִיךְ װֶעל מִיט אִיהם קַיין לַאנְגֶע גֶעשֶׁעפְטֶען מַאכֶען, נוּר אִיךְ װֶעל אִיהם גֶעבֶּען צוּ פֶערשְׁטֶעהְן דֶעם פָּסוּק פוּן וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה, אִין גֶעה צוּ אַלֶע שְׁװַארְצֶע יָאהְר...

(אויפטרים באַבאַר, אסנע אין לאָן בעגריסען איהם ביי דער טיהר מיט א האנדקיס, ווי משה זעהט איהם בלייבט ער שטעהן דער שראָקען)

באבאר: אַ גוּט הֶעלְף אַייךְ! עֶס מִיז אַייךְ בְּוַדַּאי װָאנְדֶערְן מַיין אַ הֶערְקִימֶען? אִין אֶפְשַׁר בִּין אִיךְ אַייךְ גָאר נִישְׁט בֶּעקַאנְט? אַזוֹי װֶעל אִיךְ דִי עֶהְרֶע הָאבֶּען מִיךְ פָארצוּשְׁטֶעלֶען, אִיךְ בִּין אַבְרָהָם חַיִּים בַּאבַּאר.

צפרה: דֶעם כָּבוֹד, אִין דֶער מִינוּט, צוּ זֶעהֶען דֶעם עֶדְלֶען ר׳ אַבְרָהָם חַיִּים בַּאבַּאר בַּיי אִינְז, הָאט מִיךְ זֶעהְר אִיבֶּערַאשְׁט. דֶען דָאס פָּנִים פוּן אַ עֶדְלֶען מֶענְשֶׁען שַׁיינְט װִי דִי זוּן אִין אַ שֶׁעהְנֶעם תַּמוּז טָאג.

נחומל: אָן צוּ קוּקֶען דֶעם עֶדְלֶען ר׳ אַבְרָהָם חַיִּים בַּאבַּאר, אִין צוּ זֶעהְן זְרִיחַת הוֹדוֹ כַּשֶּׁמֶשׁ בַּצָּהֳרַיִם, בִּין אִיךְ פֶערְפְּלִיכְטֶעט צוּ מַאכֶען דִי בְּרָכָה „בָּרוּךְ שֶׁחָלַק מֵחָכְמָתוֹ לִירֵאָיו“

משה: װֶען אִיךְ דִי רֵיינֶע אוּנְד הָאכְגֶעהוֹילִיגְטֶע עֶהְרֶע הָאבֶּען דִירְכֶען

װעךקאָמיסען, מײַנע קאַלטע קולטוס פֿאַרשטעהער צו בעגריסען, בין איך פֿערפֿליכטעט די בּרכה צו מאַכען „שכּוחו וגבורתו מלא עולם“, אונד האָבּע די עהרע צווײטערנײטס פֿאַרצושטעלען משה חײַט אַנגעהענדער הײַעטאַװסקי אַלס הײַװיגער געמײַנדעראַט. מײַנע פֿרוי, מײַן זאָהן, מײַן דיענסט בּאָדען, מײַן לאַקאַי, בּיטע צו זיטצען.

(אַלע אין לעאָן אַב)

באבאר: אײַער כּבוד, און דאָס עמפּפאַנגען, מאַכט מיך שטאָלץ, און איהר װענט מיר אויך זעהר געשעצט. מײַנע האָכגעעהרטען! איהר זאָלט נישט מײַנען אַז איך בּין אַהער געקומען פֿון אײַך גאָטט בּעהיט עטװאָס צו שפּאַסען. העררר חײַט! איך װיל מיך מיט אײַך משדך זײַן, די קינדער אונזערע װעגען זיך שוין לענגסט געפֿעלען, אמת נחומל? און מיר ה״ר חײַט, מיט׳ן נדן װעלען מיר זיך שוין אײַניגען, דען װעמעס איז דען אונזער גאַנץ פֿערמעגען צו פֿאַר װעמעס װעגען לעבּט מען דאָ אויף דער װעלט? נור קינדער גליקליך צו זעהן.

משה: אמת ה״ר באַבּאַר! קינדער איז דעם מענשענס גאַנצע לעבּען, קינדער קאָנען ערהײבען און קינדער קענען ערניעדריגען.

באבאר: נײַן מײַן ליעבּער ה״ר חײַט! קינדער קענען נור די יעניגע ערניעדריגען, די װאָס װעגען ענגאַיסטען, שטאָלצע בּעל־גאװה׳ניקעס, אויפגעקומענע גבירים. אָבּער דער װאָס לעבּט קינדער גליקליך צו זעהן, פֿרייד און נחת צו דערלעבּען, דער קוקט נישט אויף כּבוד און געלט, און איהר זײַט מיר געשעצט אַלס מחותן פּונקט װי מײַן צװײטער מחותן דער קראָקױער רב. איך װעל אײַך ערצעהלען אַ קלײנע לעגענדע אויס דעם תּלמוד. אויף יענער װעלט איבּער הונדערט יאָהר, הײסט עס, קומט מען זיך נישט צוזאַמען, נישט מיט שװעסטער, נישט מיט בּרידער, נישט מיט קינדער, נור מחותּנים קומען זיך יאָ צוזאַמען, הײנט ערקלער איך אײַך, אַז איך װעל זיטצען מיט מײַן מחותן ר׳ אריה ליב אַפּרתי קראָקױער רב, װעל איך מיך נישט שעהמען אַז ר׳ משה חײַט, נור נישט הײַעטאַװסקי! װעט זיטצען מיט

אונז צוזאַמען, עס װעט בּײַ מיר זײַן דערװעלבּער כּבוד, װײַל מײַן קינד מײַן טאָכטער, האָט איהר לעבּען און איהר גליק, בּײַ זײַן זוהן געפֿינען. זאָגט לחיים, השי״ת זאָל העלפֿען עס זאָל נגמר װערן בּכי טוב.

משה: ה״ר ר׳ אַבּרהם חײַם בּאַבּאַר! אַז איהר װענט יאָ צו מיר געקומען, און רעד צו מיר פּונקט װי דער מלאך װאָס האָט זיך צוזאַמען גע־טראָפֿען מיט יעקב׳ן בּײַם מײַך גיד הנשה, ערקלערע איך מײַן זאָהן פֿיר פֿערלאָבּט אַלס בּרײטיגאַם! (קלינגט) מײַנע הערען אונד דאַמען! מזל טוב, מײַן זאָהן װאָרדע פֿערלאָבּט הײטע נאַכט׳ס מיט פֿרײלײן בּאַבּאַר, אונד איך װינשע אײנע הערצליכע גראַטולאַציאָן, מזל טוב. די זיטצונג איז געשלאָסען, נעכסטע זיטצונג, בּערופֿע איך אײן אויף שבּת צונאַכט׳ס תּנאים, מזל טוב, מײַן זאָהן װערדע פֿערלאָבּט. (קלינגט)

פּאָזיציאָן
פֿאָרהאַנג פֿעלט
ענדע ערשטער אקט

צװײטער אקט.

(אײן שעהן אײנגעריכטעטעס צימער בּײַ נחומל׳ען. יאָקעל דרעהט זיך אַרום מאַכט פֿאָרבּערײטונג צו אַ שׂמחה)

יאָקעל: ני׳מי ידמה לי, מי ישוה לי, ומי יערך לי, װער קען זיך גלײבּען צי יאָקעש כּל וכל־ניק? אײגענטליך אַנאָמען האָט מען מיר געגעבּען יעקב, דער טאַטע האָט מיך גערופֿען יאָקעל, און די מאַמע זאָל אַ גיטע מליצה זײַן, האָט מיך פֿערצויגען מיט יאָקעש, נור אַז איך װעל חתונה האָבּען, בּלײבּט בּײַ מײַן װײַב נור יאָקעל, דער װײַל הײם איך יאָקעש כּל וכל־ניק, דען װאָס עס טהיט זיך עפּיס אין שטאָט אָן יאָקעשין? סאַרװער יאָקעש, מאַלאָטשע יאָקעש, שמש יאָקעש, אָה! דאָס קלײנע שטעטעל איז פֿיעל בּעסער װי אַ גרויסע. אין אַ גרויסער שטאָט איז אַ יעדער פּאַר זיך, מלאָטשע עקסטערי סרװער עקסטער, אין שמש עקסטער. דעם מלאָטשע בּעװײנט מען תּמיד, אין דעם סרװער

בֶּעלַאכְט מֶען תָּמִיד, אָבֶּער דָא בִּין אִיךְ אַלְסְדִינְג. אָט ווִיל מִיךְ אַ נַייֶעל בֶּעווֵיינֶען אִיךְ הָאבּ אִיהְר דֶעם וַיידֶען בֶּעגְרָאבֶּען, דֶערמַאנְט זִי זִיךְ מִיט וָואס פַאר אַ בְּרֵייטֶען הוּרַא אִיךְ הָאבּ אִיהְר אָנְגֶעטוּהְן דָאס דֶעקְטוּךְ, מִיז זִי זִיךְ בֶּעלַאכֶען, אִין מִיר בְּלַייבֶּען ווַייטֶער נִיטֶע פְּרִי נָד. סַיי ווִי סַיי יָאקְשֶׁען הָאט אַ יֶעדֶער לִיעֶב, אַ בְּרִית יָאקֶעשׁ, אַ חֲתוּנָה יָאקֶעשׁ, (אָט הָאבּ אִיךְ מִיךְ טוֹעֶה גֶעווֶעזֶען, אַבְּרִית פַאר אַ חֲתוּנָה) אַ חֲתוּנָה יָאקֶעשׁ, אַבְּרִית יָאקֶעשׁ, אַ מַצֵּבָה שְׁלֶעגֶער יָאקֶעשׁ, אַ לוּלָב־טְרֶעגֶער יָאקֶעשׁ, אַ רֹאשׁ־הַקָּהָל שֵׁיינִיטְן יָאקֶשׁ, אִין פוּן דִיא אַלֶע וַאכֶען אִיז נִישְׁטָא קֵיין שַׁבָּת צוּ מַאכֶען. אוֹי אִיז בִּיטֶער צוּ זַיין אַ שַׁמָּשׁ, אַ יֶעדֶען צוּ פֶערזָארְגֶען, דֶעם גַּבַּאי מִיטְ'ן אֶתְרוֹג, דִי גַּבָּאִיתֶע מִיטְ'ן לוּלָב, דֶעם רָב מִיט טַאבִּיקִי, דִי רֶעבִּיצִין מִיט אַ הוֹשַׁעְנָא, דֶעם רֹאשׁ הַקָּהָל מִיט סְכַךְ, אִין פוּן דִי אַלֶע וַאכֶען, אִיז נִישְׁטָא קֵיי שַׁבָּת צוּ מַאכֶען, אִין הַיינְט גֶעה זַיין אַ שַׁמָּשׁ.

I.

אַז עֶס קוּמְט פַאר פֶּסַח, מַיין קָאפּ גֶעהְט מִיר אוֹיף רֶעדֶער,
אַ יֶעדֶען צוּ פֶערזָארְגֶען ווֵייס אִיךְ, פוּן דֶעם רָב בִּיז צוּם בֶּעדֶער.
כַּשֶׁר'ן דִי מִיהָל — אוֹיסְקַאלֶעבֶען דִי שִׁיהָל,
אַנְגְרֵייטֶען דֶעם עוֹלָם חֲרוֹסֶת.
וַואשֶׁען טִישׁ אִין בֶּענְק, אִיךְ הָאבּ דֶער פוּן אַקְרֶענְק,
אֲפִילוּ נִישְׁט אוֹיף אַרְבַּע כּוֹסוֹת.
עֶס אִיז אוֹיךְ קֵיין שְׂמִיעֶם — אֲפִילוּ אוֹיף שָׁבוּעוֹת,
אָנְגְרֵייטֶען בֵּיימֶער אִין זַשַׁאווֶער,
אִין תִּשְׁעָה בְּאָב, חַאפּ אִיךְ אַ שְׁתַארְצֶען סוֹף,
בִּין אִיךְ אַ יֶעדֶענְס חָבֵר,
אַלֶע בָּאבְּקֶעס אִין שְׁטֵיינֶער, חַאפּ אִיךְ, נִישְׁט קֵיינֶער,
אוֹי עֶס מֶעג אִין זֵייעֶרֶע מַאמֶעס,
אִין פוּן דִי אַלֶע וַאכֶען, אִיז נִישְׁטָא קֵיין שַׁבָּת צוּ מַאכֶען
אִין הַיינְט גֶעה זַיין אַ שַׁמָּשׁ. | בִּיס.

II.

אַז עֶס קוּמְט פַאר יָמִים טוֹבִים, ווֶער אִיךְ מְשׁוּגָע דִיל,
צוּ פֶערזָארְגֶען דֶעם גַּבַּאי מִיט דִי קְרוֹבִים, אַ יֶעדֶען וָואס עֶר ווִיל,
דֶעם שׁוֹפָר צוּ שְׁווֶענְקֶען, מְסִינַי נִיגוּן צוּ גֶעדֶענְקֶען,
אִינְטֶער צוּ הֶעלְפֶען שַׁחֲרִיתִים,
צוּ סְלִיחוֹת ווֶעקֶען, אִין אַלֶע 4 עֶקֶען,
אִין יִזְכּוֹר'ס אַלֶע מֵתִים,
מִיטְ'ן שׁוֹחֵט גֵיין, מוּז אִיךְ גָאר אַלֵיין,
אַלֶע כַּפָּרוֹת שֶׁעכְטֶען,
מַלְקוֹת שְׁלָאגֶען, הֵיי אָנְטְרָאגֶען,
נְשָׁמוֹת לֶעכְט אָנְרֶעכְטִין,
אַ יֶעדֶען בְּרִיָה מַארְגֶען, דֶעם אֶתְרוֹג צוּ פֶערזָארְגֶען,
דֶער גַּבָּאִיטֶע אַ לוּלָב פוּן ד' אַמּוֹת,
אִין פוּן דִי אַלֶע וַאכֶען, אִיז נִישְׁטָא קֵיין שַׁבָּת צוּ מַאכֶען
הַיינְט גֶעה זַייא אַשַׁמָּשׁ. | בִּיס.

(אוֹיפְטְרִיט יָזְשֶׁע מִיט פֵּירוֹת)

יָזשׁע: בִּיסְט לוּסְטִיג יָאקֶעשׁ ? אוּנְזֶער נָחוּמֶל פָארְט אַוֶועק, ווֶעסְטוּ הָאבֶּען צוּ פִּיקֶען, אַ דִיזְשׁנֶע אוֹיךְ. יָאקֶעשׁ ! גֶעה אִין קְלוֹיז אַרַיין, אִין קְלוֹיב צוּזַאמֶען ווִי אַ קַבְּצָן, ווִי אַ בֶּעטְלֶער, ווִי אַ בַּטְלָן, אוֹיף דֶער אָרְמֶער סְעוּדָה וָואס מֶען מַאכְט הַיינְט לְכָבוֹד נָחוּמֶל'ס אַוֶועק פָאהְרֶען, נָאר זָאג זֵיי אַז זֵיי זָאלֶען זִיךְ גוּט אַיינְחַזֶר'ן דָאס בְּרָאדֶער שִׁיר הַמַּעֲלוֹת'ל. ווַייל ר' אַבְרָהָם חַיִּים הָאט עֶס זֶעהְר לִיעֶב. הֶערְסְט יָאקֶעשׁ ! ווֵייסְט נָאךְ נַייעֶס ? נָחוּמֶל נֶעמְט דָאךְ מִיךְ אוֹיךְ מִיט קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, יָא. יָא.

יאקעשׁ: יָזְשֶׁע לָאז גֶעמַאךְ, בִּיזְט גֶעבִּיךְ אַ מְשׁוּגֶעגֶער (אָב)

יָזשׁע: הַא ? אִיךְ בִּין אַ מְשׁוּגֶענֶער ? אֶמֶת'דִיג ! צוּ בִּין אִיךְ מְשׁוּגָע ? צוּ אִיז דִי ווֶעלְט מְשׁוּגָע ? נֵיין ! דִי ווֶעלְט אִיז מְשׁוּגָע, פִּינְקְט פִּיטְשִׁיפּוֹי, אַ פַארְקֶעהְרְט גֶעמִיהְט. אַז אֵיינֶער אִיז מְשׁוּגָע, מְטוּרָף, שְׁלָאגְט מֶענְשֶׁען, מְבַזָּה יֶענֶעם מִיט דֶער בְּלָאטֶע, הֵייסְט עֶר גֶעזוּנְט. שִׁיקְט זֶשֶׁע

איהם קיין קאלפארקאוו! ניין, שיקט מען איהם קיין קארליקסבאד. אז א מויד איז מיאוס, שווארץ ווי א קויל, הייסט זי איינע בראנעטע שעהנהייט. אז איינער איז נע־ונד, ווי ער טאגט, נעכטיגט ער נישט, ווי ער עסט אנבאסען, עסט ער נישט קיין וויעטשעריע, הייסט ער א רייזענדער מיט איין יאהרעסקארטע, און גיעב איהם אכלה מיט טוזענדערס. איין אנזעטצער, א רויבער, הייסט א קלוגער דרייקאפ. — איך האב קיינמאהל נישט פערשטאנען דעם פסוק „כמשוש חתן על כלה" נור זייט איך בין אנגעשטעלט געווארען ביי מיינע יונגע בעל הבתים זאלען לעבען, און זעה וואס זיי טהון דארט, גליסט זיך מיר אויך חתונה צו האבען.

(אויפטריט נחומל)

נחומל יוזשע געה נישט אוועק, ווייל מיינע עלטערן דארפען דא באלד אנקומען. זאלסט מיך אביין ריפען פון דער פרוי'ס צימער, האסט געבראכט פירות? (יוזשע ווייזט איהם די פירות, חאפט אראב א שטיקעל, נחומל אב)

יוזשע: חי חי חי! וועסט מיך ריפען פון דער פרוי'ס צימער. — בנאמנות ווען איך בין ביי ר' אברהם חיים ביז 100 יאהר, דערלעב איך גאר נישט צו וויסען צו מען דארף חתונה האבען, נור זייט איך בין ביי נחומלען מיט פערעלען, און קיק דורך דעם לאך פון דעם שליסעל, און זעה וואס זיי טהון דארט, געוואלד! וויל איך א ווייב. (קיקט דורך דעם שליסעל־לאך) געוואלד! גיט מיר א ווייב. אוי, אוי, אנצוקוקען אינזער שיינטשיקע פערעלע מיט איהר שעהן פנימעל, און מיט איהרע עדלע הענטעליך שפיעלען אויף דעם פארטעפיאן, און נחומל מיטן פידעל, און זיי גיבען ביידע קאנצערט. געוואלד! גיט מיר א ווייב. אינזער אסנע האלט און איין שרייען נישט חתונה האבען, איך וועל זי אביינריפען, און הייסען אהער קוקען, וועלין מיר הערען וואס זי וועט זאגען, (ריפט) אסנע! אסנע! אסנע! זעה ווי איך גרייס מיר אויס דאס הארץ, (שרייט הויך) אסנע טראסק!

(אויפטריט אסנע)

אסנע: אויף די ציין יוזשע בחור, וואס שרייסטו אזוי? איך בעט דיך

זאלסט מיך נישט ריפען טראסק, ווארען איך וועל דיר אמאל אונטערדריקען א פלאסק, וועסטו פערגעסען און טראסק.

יוזשע: אסנע ווילסט חתונה האבען?

אסנע: קיינמאהל נית.

יוזשע: קום נור אהער, און קיק אהין אריין, נור וויש דיר גוט אויס די אויגען, (ער קיקט פריהער) געוואלד, אסנע! לאמיר שוין חתונה האבען.

אסנע: (קיקט) משוגענער, וואס זעהסטו דארט? פערעלע שפיעלט פארטעפיאן, נחומל וויאלין, און ר' אברהם חיים זיצט און האט א הנאה, נו, וואס קעהר זיך דאס אן מיט חתונה האבען? ניין! חתונה האב איך ווייטער נישט.

יוזשע: וואס זאגסטו ווי טהייער אונזער נחומל האט ליעב פערעלין?

אסנע: א יתרעס ביי די האניג וואכען אז מען האט ליעב דאס ווייב. ווי פיעל האבען זיי דען חתונה? 5 חדשים?

יוזשע: וואס זאגסטו צו אונזער נחומלס רייזע קיין ארץ ישראל?

אסנע: טאקע נור ווי איך זאג, נור נישט חתונה האבען. אט איז נאך נישטא קיין האלב יאהר אז זיי האבען חתונה, פאלט אן פערעלען זיך צו מאכען א האנדלונג מיט ארץ ישראל ווין און בוימעל, און שיקט נחומלן אליין אזא מהלך. אה! איך וואלט שוין נישט געטרויט א מאן אליין צו פאהרען. פאהרסט אוועק, האסט א ווייב, טראסקיי מיט.

יוזשע: פאר וואסזשע געפעלען דיר נישט אזוי די מענער?

אסנע: ווייל איהר שרייבט אייך אלסדינג צו, ווייל דער קלוגער שלמה המלך האט אייך צו פאטאקעוועט. נישט אמת! ער האט געהאט א טעות. א מאן איז נישטא איינער א רעכטער. און מיר פרויען, זענען אייערע דיענסטען, אייערע שקלאווען, אייערע אונטערהעלטע, דעמ־זעלבען רעשפעקט וואס איהר פערלאנגט פון אייערע דיענערשאפט, פערלאנגט איהר פון דער פרוי, ווארען איהר וועגט דאך עפיס די רעב פרנסה געבערים.

יוזשע: א שיינע מגילה האט זי מיר דא אנגעטראסקעט, אוי אז אך און

ווערע איז שוין דעם מאן, וואס דאס ווייב איז זיין פרנסה געבערען,
איהר זענט אלע פאלש ווי דיא קעטץ, ניין! נישט חתונה האבען.

(ווערען בייז צווישען זיך)

I.

ער: פון אייך צו ליידען מיז מען זיין פון די אבות,
אייער פלאגען זענען קיין קאמפאוועס,
אשה רע מר ממות,
דאס ווייסט א יעדער גיט.

זיא: איך דארף דיר דאס ניט איינרעדען,
דאס קענסטו הערען פון א יעדען,
אז פון א מאן האט מען צרות אין לייד,
ניין! חתונה האב איך ניט.

ער: ווער בעגעהט נאך אזא גרויסע זינד?
צו פערקויפען דעם מאן אויף בלינד,
איז שווארץ דער טאטע איז פלוצים רויט דאס קינד,
ווער איז אויף אייך קיין קענער?

זיא: און ווער קען נאר זויפען און טרינקען?
ווער לעבט אב טאג און נאכט אין די שענקען?
און דאס ווייב לאזט מען אין דער היים קרענקען,
אוי! איהר וויסטע מענער.

ער: ניין חתונה האב איך נישט, איך בעט דיך לאז מיך צו רוה.
זיא: חתונה האבען איז ניט גיט, אפילו ווען די צאהלסט מיר צו.
(ביידע בייס.)

II.

ער: א בחור ביז און גרויען צאפ וועל איך בלייבען,
צו אייך די תאוה וויל איך מיר פערטרייבען,
ווייגען וועל איך עוויג און קלאגען,
וואס טויג נאר אויף דער וועלט א מויד.

זיא: צו האלטען א פרוי דארף מען קענען,
מיר ניט דיר ניט, לאזען מיר זיך ניט געמען,

און דאך טיהט איהר די וועלט ברענען,
איך וויל קיין מאן ביז אין מיין טויט.

ער: אדרבא! זאג מיר אליין,
האסט געזעהן א פרוי ניט געשמינקט אין שעהן?
געפארבטע האר אין פרעמדע צייין,
און דעם האט איהר גאר קיין ווערט.

זיא: אז די קענסט דיך אויף מיר נאך בעקלאגען,
צו טיה איך עפים פרעמדעס טראגען?
ווער ס'איז שעהנער, איך צו דו, זאל איעדער זאגען,
ביי מיר האסטו א פנים ווי א פערד.

ביידע: ניין חתונה האב איך נישט א. ז. וו.

(א טאנץ)

יאזשע: א כלל, בלייבט נישט חתונה האבעי, נור צו וואס טויג אצינד די תענות? נחומל פאהרט אוועק, וועלען מיר האבען גענוג צייט, זיך אוים צו טענהין וועגען דער חתונה. דער וייל איז המשה עשר, באלד קימט דער עולם צו דער סעודה, זעה נור אסנע פירות, פייגען, טייטלען, ראזינקעס, מאנדלען אין באקסערן. (ביידע נאשען)

(אויפטרים פערעלע, קיקט ווי זיי נאשען און לאכט)

פערלע: נאשערס, לאזט עפים איבער.

יאזשע: נישט און גאנצען, גאר עטליכע שטיקלעך באקסער.

פערלע: עסט געזונטערהייט, געמט אייך נאך פירות. יאזשע! דוא געה אין לעג צוזאמען דעם הערר'ס קליידער, און פאק ויי אין און דעם געלען לעדערנעם רענצעל. און דו אסנע לעג צוזאמען די וועש וועלכע ליעגט פארבערייטעט, און פאק זי אן און שווארצען רענצעל.

יאזשע: גאנץ גיט. קים אסנע, וועל איך דיך אנפאקען און געלען רענצעל און דעם הערר און שווארצען רענצעל. (ביידע אב)

פערלע: איך ווייס אפילו נישט, ווי אזוי איך וועל דא קענען זיין א צייט פון 2 חדשים אן מיין ליעבען נחומל. אז ער איז נישט דא א שעה, ווייס איך שוין נישט וואס איבער צוקלערען, נור דער

גֶעדַאנְק אָבֶּער, אַז אִיךְ דֶערמַאן מִיךְ, עֶר װֶעט זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוֹיף אוּנְזֶער הֵיילִיגֶען בָּאדֶען, זַיין פֶערְגְנִיגֶען װָאס עֶר װֶעט הָאבֶּען, אַז עֶר װֶעט זֶעהְן אוּנְזֶערֶע אַלֶע אַנְדֶענְקֶען װָאס מִיר הָאבֶּען דָארְט, זַיינֶע פְרֵיידֶע, צוּ זֶעהְן דִי כּוֹתֶל מַעֲרָבִי. װָאס זָאג אִיךְ! פְרֵיידֶע? אָנְצוּקוּקֶען דֶעם פְּלַאצְץ פוּן דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ צֶערשְׁטֶערְט, אוֹיס־גֶעװֵיינְט נַאס פוּן יוּדִישֶׁע טְרֶעהְרֶען, װָאס מֶען קְלָאגְט שׁוֹין דָארְט 2000 יָאהְר. יָא! אֵיינֶע פְרֵיידֶע, זִיךְ צוּ עֶרִינֶערְן, יוּדֶען הָאבֶּען גֶעהַאט אַלַאנְד, אִין מִיט זַיין אֵייגֶענֶעם פוּס אוֹיף דֶער הֵיילִיגֶער עֶרְד צוּ שְׁטֶעהְן אוּן צוּ גֶעדֶענְקֶען נָאכְ׳ם שְׁבוּעָה: אַז אוֹיף דֶעם זֶעלְבֶּען אָרְט װִי דָאס בֵּית הַמִקְדָשׁ אִיז גֶעשְׁטַאנֶען װֶעט עֶס װֶערֶען צוּרִיק אוֹיפְגֶעבּוֹיט, אוּן אַרוֹיפְ־צוּקוּקֶען צוּם הִימֶעל, אִין צוּ עֶרִינֶערְן נָאך אִין זַיין שְׁבוּעָה, דִי פְרֵיידֶע! װֶעט מַיין נָחוּמֶל הָאבֶּען. פָאהְר מִיר לְחַיִים וּלְשָׁלוֹם מַיין הֶערְצֶענְס־גֶעלִיעבְּטֶער מַאן, דִי בְּרָכָה װָאס נָאט הָאט מִיט גֶעגֶעבֶּען אוּנְזֶער זֵיידֶען אַבְרָהָם, װֶען עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל קֵיין חוּץ לָאָרֶץ, דִיזֶעלְבֶּע בְּרָכָה זָאל דִיר אַצִינְד נָאט גֶעבֶּען. װֶען דִי פָאהְרְסְט פוּן חוּץ לָאָרֶץ קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. בָּרוּךְ אַתָּה בְּצֵאתֶךָ וּבָרוּךְ אַתָּה בְּבוֹאֶךָ.

(אוֹיפְּטְרִיט נחומל)

נחומל: פֶערֶעלֶע! מִיר שֵׁיינְט אַז דוּ בִּיזְט עֶפֶּעס טְרוֹיְרִיג? מֶעגְלִיךְ אַז עֶס קְרֶענְקְט דִיךְ מַיין רֵייזֶע, אַזוֹי װֶעל אִיךְ אַלֶעס צוּרִיקְרוּפֶען. נוּר מִיר דַאכְט זִיךְ דִי אַז בִּיזְט דוּ מֶעהְר דַאפִּיר װִי אִיךְ.

פערעלע: מִיךְ קְרֶענְקֶען? אַ װַדַאי הָאבּ אִיךְ אַבִּיסֶעל עֲגְמַת נֶפֶשׁ, דִיךְ מַיין אֵיינְצִיגֶעס לֶעבֶּען 2 חֲדָשִׁים נִישְׁט צוּ זֶעהְן נֶעבִּין מִיר. אָבֶּער דִי פְרֵיידֶע פוּן יֶעדֶען טָאג װָאס אִיךְ װֶעל שְׁפֶּעטֶער הָאבֶּען, דִי הָאפְנוּנְג אַז נָאךְ אִין אֵיין מָאנַאט, נָאךְ אִין אֵיין װָאךְ, נָאךְ אִין אֵיין טָאג, נָאךְ אִין אֵיין שְׁטוּנְדֶע דִיךְ אִין טְרִיֶעסְט בַּיים הַאפֶען צוּ עֶר־װַארְטֶען, אוּן צוּ עֶרְבְּלִיקֶען דָאס שִׁיף אָנְקוּמֶען אוּן דָארְטֶען װֶעל אִיךְ צוּרִיק דֶערְזֶעהְן דַיין שֶׁעהְן פָּנִים, דִי מִינוּט, אַךְ! אִיזְט נִישְׁט צוּ בֶּעצָאהְלֶען!

נחומל: פֶערֶעלֶע, אִיךְ װִיל זָאלְסְט מִיךְ בֶּעגְלֵייטֶען בִּיז טְרִיֶעסְט, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין מִיט אִינְזֶערֶע עֶלְטֶערְן דַאפִּין גֶערֶעד. יָא פֶערֶעלֶע, װֶעסְט מִיטְפָאהְרֶען בִּיז טְרִיֶעסְט?

פערעלע: נֵיין נָחוּמֶל! עֶס אִיז אוּנְמֶעגְלִיךְ! עֶרשְׁטֶענְס בִּין אִיךְ אַצִינְד שְׁװַאךְ דַאצוּ, אִין צְװֵייטֶענְס דַארְף דוּ'רֶען זִיךְ פָארְצוּבֶּערֵייטֶען אוּנְד מִיר הָאבֶּען שׁוֹין בֶּעשְׁלָאסֶען זָאלְסְט אי״ה מָארְגֶען פָאהְרֶען, פָאהְרְזְשֶׁע מִיר גֶעזוּנְטֶערְהֵייט אָן אַ שׁוּם מִכְשׁוֹל. —

(אוֹיפְטְרִיט יוֹזְשֶׁע מִיט אַ גְרוֹיס גֶעלֶעכְטֶער אִין הַאלְט אַ תפילין זַאק)

יוזשע: הֶערְט אַיין אָנְטְשֶׁעפִּינִישׁ פוּן אַסְנֶע טְרַאסְק, אִיךְ זָאל אַיינְפַּאקֶען טַלִית אוּן תְּפִילִין.

נחומל: גִיבּ אַהֶער דֶעם תְּפִילִין זַאק, אִיךְ װֶעל אִיהְם מִיטְנֶעהְמֶען מִיט מִיר אִין הַאנְד־רֶענְצֶעל.

יוזשע: אִיז אַסְנֶע נִישְׁט מְשׁוּגָע? פַאר װָאסְזְשֶׁע בַּיי אוּנְזֶערֶע זֵיידֶעס אַבְרָהָם, יִצְחָק אוּן יַעֲקֹב אַז זֵיי זֶענֶען גֶעפָאהְרֶען אִין װֶעג אַרַיין, שְׁטֵייט אַז זֵיי הָאבֶּען זִיךְ מִיטְגֶענוּמֶען נוּר דִי װַייבֶּער אִין אַז טַלִית אוּן תְּפִילִין, שְׁטֵייט נִישְׁט? (נחומל נעמט ביי יוזשען דעם תפילין זאק)

נחומל: גֶעה! גֶעה! (יוזשע אב)

פערעלע: אָ! אוּנְזֶערֶע תְּפִילִין, װָאס אִין זֵיי שְׁטֶעהְט גֶעשְׁרִיבֶּען אֶרֶךְ יִשְׂרָאֵל לִיעבֶּע, אוּנְזֶערֶע תְּפִילִין, װָאס אִין זֵייא שְׁטֶעהְט גֶעשְׁרִיבֶּען "שְׁמַע יִשְׂרָאֵל," דָאס מוּז אַ יוּד שְׁטֶענְדִיג הַאלְטֶען נֶעבֶּען זִיךְ. דֶעם תְּפִילִין־זַאק לָאזְט אַ יוּדֶעלֶע פוּן זִיךְ אַזוֹי גִיךְ נִישְׁט אַװֶעק, אַלֶעס לָאזֶען מִיר זִיךְ רוֹיבֶּען, אוּנְזֶער פֶערְמֶעגֶען, אוּנְזֶערֶע נְפָשׁוֹת אוּנְזֶער בְּלוּט פֶערְגִיסֶען אָבֶּער נִישְׁט דֶעם תְּפִילִין־זַאק.

(אוֹיפְטְרִיט משה אין ציפרה)

ציפרה: אַ לֶעבֶּען זָאל קוּמֶען אוֹיף מַיין זִיעֶס אוּן לֶעבְּטִיג פָאר־פָאלְק מֹשֶׁה! קוּק נוּר אָן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער.

משה: װָאס הֵייסְט אִיךְ זָאל זֶעהְן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער? אִיךְ װִיל זֶעהְן עֶפֶּעס מֶעהְר װִי קִינְדֶער. עֶס זָאל זַיין מִפִּיךְ וּמִפִּי זַרְעֲךָ וּמִפִּי זֶרַע זַרְעֲךָ עַד

עולם אמן סלה. אוי, ווי איז ערגיץ מיין מחותן זאל מיר לעבען ? באמנות די וועלט וועט זיך איבערקעהרען, וואלט איך מיר געוועהן געקענט פארשטעלען אז איך וועל אזוי ליעב האבען מיין מחותן ? א כפרה מאיר טאקער פאר זיינס איין ווארט מיט לויטער חכמה, אז ער דערצעהלט מיר א לעגענדע מעשה פון דער גמרא, שטעל איך אויף מויל און אויערען, און אז איך ערצעהל איהם א תורה, מיינט איהר לאכט ער אוים מיר ? נישט ר׳ אברהם חיים באבאד, ער קאן מיר נאר זאגען, אז די תורה געהט דארימאנט, אבער כבוד לעגט ער אויף מיר מעהר ווי די גאנצע שטאט. ווי מיר קומט, דען איך בין א מיוחס א גרעסערער פון איהם, ער האט א שניידער פאר א מחותן און מיין מחותן איז ר׳ אברהם חיים באבאד, דעם קראקויער רב׳ס מחותן.

פערעלע: (ריפט) אסנע ! אסנע !

משה: וואצוא ריפסטו אסנא ?

פערעלע: איך וויל זי שיקען אריין בעטען מיין טאטען, און איהם זאגען אז מיינע ליעבע שוועהר און שוויגער זענען שוין דא.

משה: וואס הייסט א דיענסט זאל אריינבעטען דעם טאטען ? איך אליין געה מיר אריינבעטען מיין מחותן זאל לעבען (אב)

ציפרה: נא קינדער מיינע, זעגט איהר נישט געקרענקט פון דעם, וואס איהר וועט מוזען עטליבע וואכען זיין איינם אן דעם אנדערען ?

פערעלע: ניין ליעבע מוטער! איך בין נישט אן נחומלען איין מינוט, אז נחומל איז נישט אין דער היים האב איך זיין פנים תמיד פאר מיינע אויגען, זיינע ליעבע אין מיינעם הערצען.

(אויפטרים משה אין באבאד)

משה: הערט א־עולה פון מיין שנור זאל לעבען! א משרת, שיקט זי רופען דעם טאטען, נאך א טאטען, איבערהויפט נאך אזא טאטען, שיקט מען נישט קיין דיענסט, נור מען זאגט, שוועהר לעבען, זייט אזוי גוט און רופט מיר דעם טאטען, גייט

דער שוועהר אין ברענגט זיך דעם בכבודין מחותן. מחותן! זי געפעלט אייך די סדרה פון דער וואך ? „לך“ ניי ארוים „לך“ פון דיינעט וועגען, אז די וועסט ארוים געהן וועסטו אגרויסע הנאה האבען.

באבאד: זעצט אייך מחותן. — מחותן! אונזער נחומל וויל מיר זאלען איהם בעגלייטען ביז טריעסט, האט איהר צייט דאצו?

משה: איך האב אפילו נישט קיין צייט, איך האב פיעל צו טהון אין געמיינדעראט, עם האלט פאר א וואהל, נור אז מיין מחותן זאל לעבען זאגט פאהרען, איז פאהרען. ציפרה! דאנערסטאג דארף קומען יאקיש מיט לעקמאציאנס־שיינע, אז ער וועט דארפען געלד מעגסטו איהם געבען.

באבאד: ניין מיין ליעבער מחותן, ערשטענס וועט די מחותנתה אויך פאהרען, און איך וויל מיט אייך אויך דאריבער רעדען, וויפיעל קאסט אייך פאר א וואהל אז איהר זאלט ווערען געוועהלט ?

משה: פון 1000 ביז 1500 גולדען, א! דאס פיערטע מאהל ווארדע איך שוין געוועהלט, יא, יא, מיך קאסטעט שוין אונזער שטעטישער געמיינדעראט ביז 10.000 פלארין.

באבאד: ווען איהר נעמט אבער די 10 טויזענד גולדען אין גיט בעסער אויף א שטיפטונג, א תלמיד תורה הויז צו מורען, אדער איהר לעגט די 10 טויזענד גולדען אין שפארקאסע אריין, אין איהר מאכט א פאנד אז מיט די פראצענטע פון די 10 טויזענד גולדען זאל מען יעדעם יאהר איין אָרעמע יתומה חתונה מאכען, בלייבט דאך אייער נאמען א זכר לעולם ועד.

משה: מחותן! איהר זענט א מלאך, איין אוצר טוב, א כפרה דער גאנצער געמיינדעראט פאר אייער איין ווארט. מחותן ר׳ אברהם חיים באבאד, איהר זאלט מאריך ימים ושנים זיין, צו איבערצייגונג ווי ווייט אייערע ווערטער האבען ביי מיר א סגולה, וועט איהר זעהן וואס משה חיים וועט היינט טהון. לכבוד מיין בכבודין מחותן, לכבוד דעם הייליגען חמשה עשר, אין לכבוד מיין זיהן וואס פאהרט אי״ה

מארגען נאך פאלעסטינא ארץ ישראל, מחותן! ווי געפעלט איך דער מדרש, "שנים אוחזין בטלית"? אז ראובן הייבט אויף א האלב קלייד, אין שמעון הייבט אויף א האלב קלייד, יחלוקו, זאלען זיי זיך ביידע ציטהיילען.

באבאד: מחותן! אצינד איז נישט דיא צייט פון מדרש, אט געהט דער עולם אויף דער סעודה, וועלען מיר זיך אביסעל משמח זיין. נחומל די פאהרסט אצינד קיין ארץ ישראל אין אונזער הייליג לאנד, די וועסט זעהן אונזער ארץ זבת חלב ודבש, וואס ווערד א מיט די פירות געריהמט, לאמיר לויבען גאט מיט די פירות אין זאגען "שהחינו וקימנו והגיענו לזמן הזה".

(אויפטריט מעהרערע חסידים אין יאקעל)

אללע: א גיט'ן אווענד! א גיט'ן אווענד!

יאקעל: איהר זעהט ה"ר באבאד? קיין איינציגער פעהלט ניט פון דער קלויז. ה"ר געמיינדעראט! וואס זיצט איהר עפים אזוי נאך דענקליך? זארגט ניט! אז יאקעל לעבט, וועט איהר ווערען.

משה: נישט ווערען! אוים געמיינדעראט! משה חיים דער געמיינדעראט איז נפטר געווארען אונד עס לעבט משה חיים דער ברילאנטראפף. הערט אוים מיינע ליעבע מענשען! לכבוד מיין בכבודי'ן מחותן ר' אברהם חיים באבאד, לכבוד מיין ווייב, לכבוד מיין יונג פאר פאלק, שענק איך 10 טויזענד גולדען אויף דער שטאט. און דיא צואה דאריבער זאל מיין מחותן זאל לעבען מאכען. בזכות זה זאל נחומל פאהרען געזונד אין קומען געזונד... נחומל! זינג מיר דאס בראדער שיר המעלות'ל.

1.

נחומל: שיר המעלות, לדוד, דוד ברידער, דוד ברידער.

אללע: דוד בריעדער, דוד בריעדער, דוד בריעדער. | ביס.

נחומל: הנה, מה טוב, ומה נעים, שבת, אחים, אחים בריעדער.

אללע: אחים בריעדער, דוד בריעדער, אחים בריעדער. | ביס.

נחומל: כשמן, הטוב, על הראש, יורד, על הזקן, זקן אהרן.

אללע: אהרן בריעדער, דוד בריעדער, אחים בריעדער. | ביס.

נחומל: כטל חרמון, שיורד על הררי ציון, כי שם צוה, השם, את הברכה חיים.

אללע: לחיים בריעדער, דוד בריעדער, אהרן בריעדער. | ביס.
לחיים עד העולם. (טאנץ)

(ענדע דעם צווייטען אקטעס)

— פארהאנג פעלט. —

דריטער אקט.

(4 מאנאט שפעטער)

(שטראססע אויפטריט יוזשע)

יוזשע: יוזשע לויף, יוזשע געה, יוזשע ברענג, יוזשע טראג, קרעפלעך ווערען דאך אויך פערמיאסט, יעדען טאג, אין דער פריה און אויף דער נאכט, געה צו דער פאסט און ערווארטע איין שרייבען, און אז איך קום צוריק אן א שרייבען, בעקלאגט מען מיך און מען בעוויינט מיך... נערנים! וואלט איך דען נישט געבראכט, בין איך דען אזא שלעכטער? קען עמיצער יוזשען פאר א שלעכטען? אז נחומל שרייבט נישט, אין די פאסט גיט נישט, וואס זשע האט יוזשע צו ברענגען? אוי! איך וואלט שוין געוואלט דערלעבען די מינוט עס זיין א בריעף, וואלט זיך מיר שוין אויסגעצאהלט פאר דער גאנצער צייט, איך וואלט געקומען צו לויפען, פערעלע! א בריעף! גיט אהער געלד, ר' אברהם חיים! א בריעף! גיט אהער געלד, העה ר געמיינדעראט! ה"ר תלמיד חכם! א בריעף! גיט אהער געלד, אסנע א בריעף! נור וואס קען אסנע געבען?

(אויפטריט אסנע)

אסנע: אסנע קען דיר געבען א גיט אויג.

יוזשע: אבער ווען איך ווייז דיר א בריעף פון נחומלען?

אסנע: עס איז דא א בריעף פון נחומל'ן? לאמיך שוין לויפען זאגען אונזער גיטיטשקער פערעל'ן.

יושע: טפפא! סטאי! איך זאג נור אזוי למשל ווען ס'איז דא אבריעף.

אסנע: וועהסטו יושע, ווי א פרוי האט מעהר שכל ווי אמאן, האב איך דאמאלס נישט געזאגט, אז איך וואלט נישט געטרויט אמאן אליין צו פאהרען? האסט א ווייב, פאהרסט אוועק, טראסקיי מיט. היינט איז שוין 4 חדשים אז אונזער נחומל איז אוועק געפאהרען, מען הערט נישט און מען זעהט נישט, אונזער פערעלע איז שוין בשלום איבערגעקומען, געהאט א יונגעלע ווי א פרינץ, ווער פארט זיך ביים ברית? ביידע ויידעס, נור אזוי ווי ביי א יתומ'ל איך זאל עס גאר נישט דערלעבען. אונזער פערעלען איז שוין נישט צו דערקענען, איהר איינציג גליק איז, וואס זיא איז א שטאנדהאפטע פרויא, און מאכט זיך אליין גוטע האפנונג — הלואי.

יושע: אסנע טראסק קען פערטראסקען א קאפף, מען זאל נישט וויסען אויף וואס פאר איין עולם מען געהט ארום. וויפעל איז דען נחומ'ל נישט אין דער היים? 4 חדשים, איז 120 טעג, האסטו 17 שבתים וואס שבת טאר מען נישט שרייבען, 8 טעג רוהען מיז מען, אין ירושלים דארף מען זיין וועניגסטענס 25 טעג. און אין חברון נור 10 טעג, און היינט וויפיעל זאגסטו דארף מען זיך זוימען אין צפת? אויך 10 טעג.

אסנע: אין צפת 10 טאג?

יושע: יא! יא! אין צפת איז דא געניג וואונדער צו זעהען, האבען מיר שוין צוזאמען 90 טאג, און 30 טאג דארף דויערען די רייזע הין און צוריק, און אי"ה היינט מארגען קומט ער צו פאהרען, זעה די געוואלדעס וואס די קאטשקעס דערארבעטין, אז אמאן פעהלט 4 חדשים פון דער היים, געה אסנע אהיים, איך אליין געה צו דער פאסט, עס ווערט שפעט, גיי גיבער באלד קומט דער עולם צום ברית, רוים אויף און גיב אכטונג צום קינד וויקלען, צום לעקאך שניידען און צום בליט־שפייען גרייט דיר אן אטעלעריל מיט אש. —

אסנע: אוי מיט בליט שפייט מען שוין דורך אייך מענער (אב)

יושע: זיא האט מורא עס זאל חלילה נישט עפיס שלעכט'ס געשעהן, משה חיים וועט קיין שלעכט'ס נישט געשעהן, איהם שפיעלט צו די מימע גליקאלע, ווי ער געהט אין שטעהט. זיצט איהם די מימע גליקאלע אין דער זייט.

I.

איך וייס פון איינעם א גראבען יונג,
א שטיפעל פיטצער אמאל געוועזן,
יענעם שלעכטמ'ס צו טהון איז ביי איהם גרינג,
קאן קיין צוויי ווערטער ניט לעזען.
פלוצים הייבט ער אן דייטש צו שמועסען,
מען זאגט איהם שוין גאר נאך שבחים,
און פון אלעמען אין שטאט וויל ער וויסען,
אין ווערד א גאנצער תלמיד חכם.

פראזא: אזא שטיפעל פיטצער, אזא גראבער יונג, ווייסט זיך קיין 2 ווערטער אן צירופען, פאר וואס איז ער געווארען אזא חשוב איבעראל? אין ווארפט מיט תורה וויא אצינג מיט קווארגעל, פאר וואס? הא? איהר ווייסט נישט?

זינגט: ווייל די מימע גליקאלע, זינגט איהם צו אשטיקאלע,
זיצט איהם אין דער זייט.
אוי ווען נור אשטיקאלע, פון דער מימע גליקאלע,
ווערט שוין פון דראבים לייט.

II.

איך וייס אויך פון פריינדינ'ס צוויי,
איינע איז זעהר שטארק געבילדעט,
און א שעהן פנימ'ל אויך דאביי,
און די צווייטע איז מיאוס פערווילדעט.
פלוצים שטעלט זיך א יונגערמאן זיי פאר,
און מיינט דאס פנימ'ל דאס זיסע

פארליעבט איז ער אין דער שיינער נאר,
אין חתונה האט ער מיט דער מיאוסע. —

פראזא: צו איז ער משוגע געווארען? יענע איז א טשאטשקאלע, א בריליאנטעל אין דאס איז עפּיס אצרה א משולחת? שוטה! די מיאוסע האט א שפּאר־קאסעביכעל אויף אמנה יפה פון דער מימען. אזוי?

זינגט: אז די מימע גליקאלע א. ז. וו.

III.

איך וויים אויך פון צוויי רעסטוראנטען,
שעהנע שילדען נאר אלץ איין,
געטרענקע נעהמען זיי ביי איין בעקאנטען,
רוסטער געבען זיי פאר מאלאגא וויין.
פלוצים איז ביי איינעם תמיד פול,
אנאנצען טאג זעהט מען די קעלנערם שוויטצען,
דער צווייטער ווערט משוגע, דיל,
שיר פערדריקט פאר ליידיג זיטצען. —

פראזא: איך פרעג תמיד א־קשיה? גיט דעם, אויך עפּיס צו לייזען חלעבען עס איז ניט קיין חילוק, דארט קאכט נישט דער מלאך פּיוויש אין דא בראט נישט דער מלאך רפאל. אזוי, איך גיב אבער נור א הין, פאר וואס?

זינגט: ווייל די מימע גליקאלע א. ז. וו. (אב)

פערוואנדלונג

(צימער, אסנע רוימט אויף אין משה קימט אן).

משה: אסנע, ווי איז די אלטע פרוי?

אסנע: ביי פערעלען אין צימער.

משה: אין ווי איז דער מחותן?

אסנע: דער ה״ר באבאד איז אויך דארט, אוי הערר, נעהט היינט ארום דער ה״ר באבאד אזוי טרויריג מיט עגמת נפש, עפּים מעהר ווי תמיד, ער קען ניט איינזיטצען אויף איין ארט, נור אויפגערעגט אין ביין.

משה: געה זאג אז איך בין דא, (אסנע אב) עה! מיין מחותן האב איך נאך נישט געזעהן ביי, ער האט אוודאי עגמת נפש וואס נחומיל איז נישט דא צום ברית, בין איך דיין טאטי, קען איך מאכען די ברכה זוכר הברית. עה! נור לוסטיג אין לעבידיג אויף דער שמחה פון מיין ערשט איינעקעל (אב)

(אויפטרים פערעלע און ציפרה)

ציפרה: עס איז דאך עפּים נישט דיין טבע נאכדענקליך צו זיין פערעלע? פארקעהרט, אז איך האב עפּים געוואלט נאך קלעהרען, האסטו מיר תמיד! אויסגירעד אין אלעם אויסגעלייגט צו גיטען?

פערעלע: שוויעגער הארצידיגע! מיין הארץ שרעקט זיך מיר עפּים היינט מעהר ווי תמיד, איך בין היינט אויפגעשטאנען מיט א מרה שחורה, מוטער! וואס קאן דאס זיין? היינט איז די שמחה פון מיין ניי־געבארענעם זיהן, און זיין טאטע האט נישט דאס גליק דעם שיינעם אוצר אליין צו דער מצוה איבער צו געבין און אליין איהם צו קריגען מיט דעם נאמען יוד.

ציפרה: קינד מיינס! אין דעם היינטיגען טאג וואס מיר דארפען זיין פריילעך, מאכסטו דיר אליין עגמת נפש, נחומיל וועט בשלום קימען געזונד אין גליקלעך, אין אי״ה דערפאר, וועט שוין זיין דער פּדיון הבן לוסטיגער ווען נחומל וועט קומען.

פערעלע: ניין! ניין! אוועקט איהר שלעכטע רעיונות פון מיר. שרעקט מיך נישט איבער, מיין מאן קימט בשלום אהיים צו זיין געליעבטער פרוי. אך! ווי דערלעבט מען שוין די מינוט איהם צו דערבליקען, איהם צו ווייזען זיין נייעם גאסט, וועלכער ערווארט איהם שוין מיט פריידע צו זעהן, קומט מוטער, וועלען מיר אלעם פארבערייט מאכען צו דער סעודה. —

(אויפטרים משה אין באבאד)

משה: אלעס נאר נישט ביי משה חיים! משה חיים האט ניט ליעב טרויריג אין סמוטנע, נור לוסטיג אין לעבידיג. עה מחותן! איהר זענט דאך

אויך אַ יוד מיט תורה, זאָגט, טאָר אַ יוד זיין טרויריג אין אויסלייגען צום שלעכטען? נחומ'ל וועט נישט פערבלאָנדזשעט ווערען. ער איז משה חיים'ס זיהן, איך וועל אייך בעסער דערצעהלען אַ מעשה פון אַגראָבען יונג. דעם ראש השנה זיינען איך געבען מאיר טאָקער גיט אַ געשריי הצופה לרשע וחפץ בהצדקו.

ציפּרה: ני' האָט ער דען שלעכט געזאָגט?

משה: ביזט אַ גראָבער יונג ווי ער.

ציפּרה: ווי אַזוי דען זאָגט מען?

משה: מען דאַרף זאָגען הפוצה לרשע וחפץ בהרצקו.

באבאד: אַוודאי וואָלט מיר די שמחה פון מיין ערשט איינקעל מעהר בעקומען, ווען איך זאָל נישט האָבען מחשבות, עגמת נפש. פּערעלע! באַלד קומט דער רב מיט'ן עולם צום ברית, געהט איהר אין יענעם צימער, און זעהט מען זאָל אַלעס מאַכען אין אָרדנונג. —

(אויפטריט רבי, געסט און חסידים)

אללע: מזל טוב! מזל טוב!

רב: מזל טוב אייך! השי"ת זאָל אייך העלפען איהר זאָלט איהם מגדל זיין לתורה ולחופּה ולמעשים טובים. ר' אַברהם חיים! איז שוין עפּיס דאַ אַ ידיעה פון נחומ'ל'ן? ... מזל טוב אייך קימפּעטורען! געהט, געהט, מיט אייער שוויגער אין יענעם צימער אַריין, און איהר שיקט אונז אַריין אייער זוהן אַ ערל אין מיר וועלען איהם אייך צוריק שיקען אַ יוד. — (ציפּרה און פּערעלע אב)

משה: רבי, ווי געפעלט אייך די סדרה פון וילך לך?

באבאד: ענטשולדיגט מיר מחותן, איך וויל דעם רב עפּיס פרעגען.. וואָס זעה איך עפּיס יושע'ן אַהער לויפען מיט אַגאַנץ פּאַקעט?

(אויפטריט יושע מיט אַ פּאַקעט)

יושע: אַטאַג פון לויטער שמחה, אַפּאַק פול מיט מתנות, מיר אַ פּרעזענט, אַסך אַ פּרעזענט. פּערעלען 10 פּרעזענטע און אפילו דעם קליינעם צוצעק אויך אַ פּרעזענט.

באבאד: (עפענט) רבונו של עולם וואָס זעה איך? נחומ'לס ויידענע בעקישע... די תפילין, נאָ און דער טלית? ...אַ בריעף (וויל לעזען) רבי! לעזט איהר זייט מוחל דעם בריעף, דאָס גאַנצע ליכט איז מיר אַוועק פון די אויגען איך זעה גאָר נישט. —

רב: (לעזט) אל כבוד הרב הגאון מטאַרנאָוו שליט"א! נאַכדעם פון כ' שבט ביז א' אדר איז געפאָהרען איינער נחום חיים אויס טאַרנאָוו, מיט דעם שיף ביירעט פון טריעסט נאָך יאַפאַ אין לויט איבערגאַבע דער זאָגען פון דער שיפסגעזעלשאַפט און דעם אויסצוג פון דער שיפסליסטע, זאָל דער נחום חיים האָבען געשטאָרבען... נאָך 3 טעג רייזע אויף דעם וואַסער. — אין אויב הרב מטאַרנאָוו וועט קענען מעיד זיין אַז די זאַכען וועגען דעם נחומ'ס הנ"ל, בין איך מתיר די אלמנה פון עגינה. המקום ינחם אותה בתוך שאר אבילי ציון וירושלים. שמואל יוסף חכם באַשי מיאַפאַ. יבנה במהרה בימינו אמן. — (אלעם וויינט) מיין ליעבער ר' אַברהם חיים, עס איז פון השי"ת, אין איהם זאָגען מה תעשה, קען מען נישט. בערוהיגט אייך, מיר קענען גאָר נישט טהון נאָר זאָגען ברוך דין אמת אין לאָז מען אַריינגעבען דאָס קינד און איהם אַנאָמען געבען נאָך דעם טאַטען.

(מען ברענגט דאָס קינד)

רב: הרחמן הוא יברך את הילד ואמו, ותזכה לגדלו ולחנכו ולחכמו, מיום השמיני והלאה ירצה דמו, ויהי ד' אלקיו עמו..
יזכור אלקים את נשמת מורינו ר' נחום בן מורינו ר' משה שהלך לעולמו...

(אויפטריט פּערעלע)

פּערעלע: אַך מיין גאָט! וואָס הער איך? אויף דעם ברית פון מיין קינד אַ יזכור? ווענען מאַכט מען אַזוינס דעם יזכור? פאָטער וואָס וויינסטו? שוועהר וואָס שווייגט איהר? ... וואָס זעה איך? די קליידער פון מיין מאַן? זיינע מלבושים, די תפילין, נאָ און דער טלית? האָט איהר

רַעְן קֵיין רַחֲמָנוּת ? קֵיין גֶעפִיהְל ? וָואס קְוֶועהְלְט אִיהְר מִיךְ ? זָאגְט מִיר וָואס מִיט מַיין מַאן אִיז גֶעשֶׁעהֶן ? רֶבִּי ! מַשְׁבִּיעֲכֶם בְּשֵׁם ד׳ אֱלֹהֵי צְבָאוֹת, אִיהְר מוּזְט מִיר זָאגֶען ! וָואס מִיט מַיין מַאן אִיז גֶעשֶׁעהֶן.

רב : טָאכְטֶער מַיינֶע, אִיךְ קֶען דִיר מֶעהְר נִישְׁט זָאגֶען, נָאר דַיין זוּהְן הֵייסְט נָחוּם בֶּן נָחוּם...

פערעלע : אַךְ ! (פאלט)... וָואס ? מַיין מַאן אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען ? נָחוּמִ׳ל גֶעשְׁטָארְבֶּען ? אִין דָאס זָאגֶען דִי לִיפֶּען לַייכְט אָפּ ? נֵיין ! נִישְׁט אֱמֶת ! נָחוּמִ׳ל לֶעבְּט ! עֶר קִימְט בַּאלְד צוּ זַיין פְרוֹי אִין קִינְד, עֶר וֵוייסְט וִוי זַיין פְרוֹי עֶרְוַוארְטֶעט אִיהְם מִיט אוּנְגֶעדוּלְד... נָחוּמִ׳ל גֶעשְׁטָארְבֶּען אִין דִי קְלֵיידֶער הָאט מֶען מִיר צוּרִיקְגֶעבְּרַאכְט וִוי יַעֲקֹב׳ן יוֹסֵפ׳ס קְלֵיידֶער ? (ווינט)... פַאטֶער ! רֶבִּי ! דָא אִין אַייעֶר גֶעגֶענְוַוארְט אִין בִּפְנֵי קָהָל וְעֵדָה שְׁוֶוער אִיךְ : נִיעֶמַאנְדֶעם ! זָאל אִיךְ מֶעהְר גֶעהֶערֶען, אִיךְ בִּין אֵיין אַלְמָנָה, אִיךְ הָאבּ אֵיין מָאהְל גֶעשְׁוָוארֶען מַיין מַאן טְרַייעֶ, אוּן אִיהְם בְּלַייבּ אִיךְ טְרֵיי בִּיז אִין מַיין טוֹיט אַרַיין. נָאךְ אִיהְם וֶועל אִיךְ טְרוֹיעֶרֶען אוּן קְלָאגֶען בִּיז אִין מַיין גְרוּבּ. נֵייעֶ ! זָאל מַיין מוֹיל אַ שְׁמֵייכֶעל גֶעבֶּען נוּר צוּ מַיין קִינְד, נֵייעֶ ! זָאל אִיךְ אַ שִׂמְחָה בֵּיי וָואהְנֶען, אוֹיסֶער אוֹיף דֶער שִׂמְחָה פוּן מַיין קִינְד, טַאנְץ, גֶעזַאנְג אוּן פְרֵיידֶע זָאל בֵּיי מִיר גֶענְצְלִיךְ גֶעשְׁטָארְבֶּען זַיין. פִינְסְטֶער אִיז מַיין וֶועלְט (פאלט אום קינד) נָחוּמִ׳ל מַיין מַאן ! נָחוּמִ׳ל מַיין קִינְד ! — (פּויזע)

(פאָהראנג פעלט)

פיערטער אקט.

(שפעטער 8 יאָהר)

(צימער ביי יושע׳ן אין אמעריקא. יאָזשע זיצט ביי אטיש און טרינקט טהעע)

יאָזשע : אָבְּגֶעהָארֶעוֶועט אוּן אָבְּגֶעאַרְבֵּייט אִין אַצִינְדֶר גֶעהֶ עֶס דִינְגֶער מִיט סַאפֶּער צוּ זַאמֶען. אוֹי, אַז אַ דִינְגֶער הָאט גֶעזָאלְט דֶערְשְׁלָאגֶען קָאלַאמְבּוּסֶען, אֵיידֶער עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אִין דֶעם וִויסְטֶען אַמֶערִיקַא. פַאר וָואס הָאט עֶר אוּנְז נִישְׁט צוּרִיק גֶעפִיהְרְט קֵיין מִצְרַיִם ? וָואס אִיז דֶער חִילוּק פוּן

פִּתֹם וְרַעְמְסֵס בִּיז בְּרוּקְלִין מִיט נֶעוְויָארְק ? דָארְט הָאט מֶען אוּנְז גֶעהָאדְיוּוִיט בְּחֹמֶר וּבִלְבֵנִים מִיט צִיעֶגֶעל אוּן מִיט לֵיים, אִין דָא הָאדְיוּוִיט מֶען אוּנְז מִיט מַאשִׁיעֶנֶען אוּן בִּיעֶגֶעל אַייזֶענְס. דֶער חִילוּק אִיז אַז אִין מִצְרַיִם הָאבֶּען נוּר דִי מֶענֶער גֶעאַרְבִּיט אוּן דִי וַוייבֶּער הָאבֶּען גֶעהַאט רוּה, זֵיי הָאבֶּען אוּנְז אַרוֹיסְגֶעבְּרַאכְט עֶסֶען, מִיט גֶעבְּרַאכְט שְׁפִּיעֶגֶעלַאךְ אִין שֵׁיין אָנְגֶעטְהוּן, מִיר הָאבֶּען זִיךְ אָנְגֶעשְׁפִּיעֶגֶעלְט, אוּן אַז דִי וַוייבֶּער הָאבֶּען גֶעהַאט רוּה הָאט טַאקִי יֶעדֶע יוּדִישֶׁע פְרוֹי גֶעקֶענְט הָאבֶּען 6 קִינְדֶער מִיט אֵיינְמָאהְל. מִיר דַאכְט זִיךְ, אַז וֶוען מֶען ווִיל אִין יוּרָאפּ זַיין אַזאַ עֶבֶד כְּנַעֲנִי אוּן אַזוֹי שְׁוֶועהְר אַרְבֵּייטֶען וִוי אִין אַמֶערִיקַא, וָואלְט מֶען גִיכֶער גֶעקֶענְט צוּ עֶפִּיס קוּמֶען, דָארְט אַז אִיךְ הָאבּ גֶעאַרְבִּיט אוּן מַיין וַוייבּ גֶעאַרְבִּיט, הָאט מֶען זִיךְ פָארְט עֶרְשְׁפַּארְט עֶטְלִיכֶע גוּלְדֶען, נוּר וִוי לוֹיפְט אַ יוּד זוּכֶען גְלִיקֶען ? קֵיין אַמֶערִיקַא, אִין דָא אַרְבֵּייט אִיךְ שׁוֹין 6 יָאהְר מִיט דֶעם בְּלוּטִיגֶען שְׁוֵייס, אָבֶּער אַ סֶענְט אִין קֶעשִׁינֶע לֹא. עֶס אִיז נִישְׁט מֶעהְר וִוי מֶען זָאגְט בֵּיי אוּנְז אִין גַאלִיצְיֶען צָא זַארָאבִּישׁ טָא פְּשֶׁעפִּיעֶשׁ. אִיךְ הָאבּ מִיר מַיין קְרָאם גֶעלָאזְט דְרִיקֶען אוֹיף עֶנְגְלִישׁ אוֹיף אַ וִויזִיט קַארְטֶע, אִין אַ הֵיים גֶעשִׁיקְט נָאךְ יוּרָאפּ וַוייזֶען, וָואס פַאר אַ בִּיזְנֶעסמַאן אִיךְ בִּין, — בֶּעקִים אִיךְ יֶעדֶען טָאג שְׁרֵייבֶּענְס פוּן פְרֵיינְדֶע אִין קְרוֹבִים. דֶער בֶּעט אַבִּיסֶעל גֶעלְד, חָאטְשֵׁי אַלֶע מָאנַאט אַ פִינְפְצִיג דָאלַאר, אֵיינֶער בֶּעט 300 דָאלַאר, עֶר אִיז גֶעבֶּעךְ אָבְּגֶעבְּרֶענְט גֶעוָוארֶען, ווִיל עֶר זִיךְ דִי חַאלָאפֶּע צוּרִיק אוֹיפְבּוֹיעֶן, צֶעהְן בֶּעטֶען שִׁיפְסְקַארְטֶען, זֵיי וֶועלֶען נוּר קִימֶען אִין דֶעם קָדְשֵׁי קָדָשִׁים אַמֶערִיקַא, וֶועלֶען זֵיי מִיר זַארִיז אָבְּגֶעבֶּען. אוּן דָאוָואהְן אִיךְ טַאפְּלָאר אַ בּוֹרְדִים שְׁטִיעֶבּ, אִין הֵיים דְזְשׁוֹיאָ אִין שְׁטִיפּ יֶעדֶען טָאג מַיין פוּשְׁקַארְט מִיט מַיין הוֹיזִירֶערֵיי.

(אויפטריט אסנע)

אסנע : וַוארְטְסְט שׁוֹין דָא לַאנְג דְזְשׁוֹיָא ? בִּיזְט אַוַודָאי הוּנְגֶערִיג ? אִין אִיךְ הָאבּ מִיךְ אַזוֹי פַארְרֶעד בַּיי מִיסִיס טֵיילֶער. אוֹי, וֶועהְט אוּנְזֶער נֶעטָאן

אזוי גיט אוים. קיין עין הרע. די מיסעס טיילער האלט איהם ווי איין אויג און קאפ. זעהסטו דזשויא? א רעה פון גאט איז א טובה פון דעם איבערשטען.

יאשע: זאגסט שלעכט עני. א רעה פון א מענשען איז א טובה פון דעם הימעל. —

אסנע: וואס איז פאר א חילוק. אונזער בעל הבית מ״ר הערצלאז האט געמיינט, ער צוברעכט אונז מיט דעם וואס ער ווארפט אונז ארוים פון דער דירה, וואסזשע טהוט גאט? שיקט ער אונז צו א מיסעס טיילער, אין איהר איז געפאלען נחומל׳ן צו ערציהען פאר איהר אייגען קינד, אין שטיצט אונז נאך אויך אין זיין זכות. אוי ווען אונזער פערעלע זאל זעהען אצונד איהר נחומל׳ן, ווער ווייסט וואס זי טהוט געבעך. —

יאשע: איך האב טאקי אצינד ערהאלטען א בריעף מיט א גוטער בשורה. אט הער: (לייענט) לשארי בשרי הגביר יאשע לעב. ראשית שרייבען מיר דיר פון אונזער ליעבען געזונד השי״ת זאל העלפען פון דיר דאס זעלבע צו הערען. והשנית, פאר וואס האסטו מיר נישט געשיקט עטליכע דאלאר צושטאר אויף פסח? והשלישית וואס דו שרייבסט מיר אלס, איך זאל דיר שרייבען וועגען ר׳ אברהם חיים באבאד מיט זיין טאכטער פערעלע, האב איך דיר געהאט ביז אהער וואס צו שרייבען, זי איז געזעסען אין קרימינאל אין ר׳ אברהם חיים האט פערקויפט אלע מאהל עפים פון דער היים אין געלעבט, נור אצינד קען איך דיר שרייבען אז פונקט דעם שבת איז פערעלע בעפרייט געווארען, מען האט איהר געשענקט א יאהר. אבער זי זעהט זעהר שלעכט אוים, אין געלטערט, זי איז ביי איהר פאטער אין האבען נישט פון וואנען צו לעבען. משה חייט איז געווארען א שכור, וואלגערט זיך אין די גאסען אין ציפרה איז שוין העבער א יאהר טויט. מעהר קיין נייעס זייט געזונד און גליקליך, פון מיר דיין געשוועסטער קינד פייוויש מיט׳ן ווייב וואס גריסט דיך מיט דיין ווייב.

אסנע: הערסט דזשויא וואס מיר איז איינגעפאלען? איך האב ערשט די

מינוט גערעדט מיט מיסעס טיילער, איך בין זיי געגאנגען זאגען אז א״ה מארגען איז נחומל׳ס יאהרצייט, מיסעס טיילער האט דאביי זעהר געוויינט. איך וועל זי בעט׳ן וועט זי שיקען פערעלען א שיפס-קארטע, זי זאל אהער קומען, קום לאמיר ביידע גיין אהין. —

יאשע: א לעבען אויף דיין קאפ עני! הערסטו! איך זאג דיר עני, אז עס הייבט זיך שוין אן די ישועה, ווארין אונזער להכעיסדיגער גאט איז תמיד אזוי. אוי הייבט אבער אן דער הויכער רבש״ע צו העלפען, קומט אן א מיסעס טיילער אין נעמט אונזער נחומל׳ן צו ערציהען, און העלפט נאך אונז אויך אין זיין זכות, און מען שענקט פערעלען א יאהר קרימינאל אין אזוי וועט אלס קומען די ישועה ווייטער אין ווייטער. — דו האסט נאר קיין געהירען נישט אין קאפ נור חכמה, לויט דו ביזט א רעכטע אין א אשת חיל בין איך אין מיין לעבען נור ביז אויף 2 מענשען, אויף שלמה המלך וואס ער האט געזאגט אז עס איז נישטא א רעכטע יודענע, אין אויף דעם רבינו גרשון וואס ער האט געמאכט א חרם אז מען טאר נישט האבען נור איין ווייב. דען אזא טהייער ווייבעל ווי דו ביזט וואלט איך געקענט פארטראגען אפילו 6.

אסנע: האב איך דען דיך נאך א מאל געהערט יאשעניא זייט מיר האבען חתונה געהאט?

יאשע: ניין, קיין מאהל נישט.

אסנע: אז דו האסט געוואלט אמאהל עפים טהון, האב איך דיר חלילה געזאגט טוה נישט? אדער דו האסט שלעכט געטהון?

יאשע: חלילה! אז איך טוה עפים ביזטו נישט בייז, פערקעהרט האסט נאך דאפין איין הנאה — איא אסנע עס איז בעסער יא חתונה צו האבען ווי נישט? —

אסנע: וואס פרעגסטו עפים אזעלכע קשיות? נאר חתונה האבען, אין זיך אזוי צו לעבען וצופריעדען אין גליקליך ווי מיר ביידע. קישען זיך ווי א טייבעלע.

יאשע: אין צו זיין א געטריי ווייבעלע.

אסנע: אין כבוד האלטען דאס מיידעלע.

יוזשע: מיר פאר דיין חייגעלע

(דועט)

זיא: אז איך האב קיין חרטה נישט — אויף אונזער חתונה נאר,
אמאן ביסטו טהייער אין גוט — אויף מיר אזא יאהר,

ער: אזא גוט ווייבעלע א שיינס. — ווער האט נאך מעהר ווי איך,
א גוטס א וואהל'ס אין א פיינ'ס — גיב אהער דאס פיסקעלע גיך,

זיא: אלעס וואס איך האב — גיב איך נאר דיר.

ער: דערפאר ווערסטו דיק אין גראב — אין פעט נאר פון מיר.

ביידע: עלטער'ן זיך מיט דיר — מיט נחת אן א שיעור,
דאס ווינש איך מיר גור אצינד. ביס.
גאט זאל געבען, א לאנג לעבען.
א גוט לעבען הצלחה און געזונד.

(א טאנץ ביידע אב)

(פערוואנדלונג)

(סאלאן ביי הערי טיילער הערי׳ באלמעסין)

הערי: יא, יא, אין אדם עושה עבירה עד שנכנס בו רוח שטות. א מענש בעגעהט נישט א פערברעכען ביז ער פאלט נישט פריהער פון די געדאנקען. איך בין היינט דער גליקליכסטער מענש אויף דער וועלט טויזענדער דאלאר וואלגער'ן זיך ביי מיר אין אלע זייטען, פראכט און גלאנץ אין אלע ווינקעלעך, אבער מיין פערברעכען, 5 מאנאט נאך א חתונה אוועק צו פאהרען פון א פרוי וועלכע האט מיך זא הייס געליעבט, אין זיך אויף דער שיף צו בעקענען מיט איין א מעריקאנישען קויפמאן, און זיך צו פערליעבען אין זיין שעהנער טאכטער, אין אזוי שנעל מיין פערעלען צו פערגעסען, מיין לייכט-זין! מיין לייכטזין! — שוין 8 יאהר פערטרייב איך מיר די רעיונות, די מחשבות פון מיין קאפ. איך טרייסט מיך אליין, וואס האב איך דען געטהון? פערשאפט פערעלען עטליכע חדשים, א יאהר שמערצען, אבער אין א טויטען מיז מען דאך פערגעסען, זי האט אין מיר פערגעסען.

אויסגעטהון דעם טרויערשלייער, און צוריק אנגעטהון א ברויטשלייער. זי האט וואהרשיינליך שוין חתונה געהאט, ארום האב איך זי אויך נישט צוריקגעלאסט, אין איך? איך בין אצינד דער גליקליכסטע מענש. — נאר איין זאך פעהלט מיר צו מיין גליק — א קינד. אה! דאס וואלט איך נאך געוואלט דערלעבען צו זעהן ביי מיר אין שטיעב, מיך צו הערען רופען פאפא — אך ווי זיעס ווי אנגענעהם איז דאס ווארט פאפא. ראש השנה אין שיהל אז איך הער זאגען דעם חזן, אם כבנים רחמינו כרחם אב על בנים. ווי גוט ווי זיעס עס מוז זיין דאס פאטערהערץ, די פעטערליכע געפיהלע.. בין איך דען נישט פאטער? האב איך דען נישט צוריקגעלאזט מיין פערעלע'ן א שוואנגער? נא ווי איז מיין פאטערהערץ? מיין פרוי האט מיר זייט א קארצע צייט געבראכט איין פרעמד קינד צו ערציהען, א שעהנהייט, א פראכט׳ נאר דאס קינדקען איך נישט האלטען דען דאס ריהרט מיר אויף יעדען טאג מיינע וואנדען, און דערמאנט מיך אין מיין רויב וואס איך בין בעגאנגען, דאס פנימ'ל איז אין גאנצען פערעלע אויס'ן אויג. און ווען איך קוקט אן דאס קינד קלינגט מיר אין מיינע אויערען! עלענדער שופט דו וועסט דערפאר דין וחשבון פאר דעם בית דין של מעלה אב געבען... מיינע פרוי קאמט (מונטערער)...

(אויפטרים בעקי)

בעקי: הערי, דו האסט מיך גלאזט רופען? ... אוי וואס ביזטו עפים אזוי אומידיג? תמיד ווען עס איז דער אונטערהאלט פון אונזער גליקליכער רעטונג, ביסטו אזוי סמוטנע?

הערי: אבער ווא! איך בין אזוי מיעד פאם טאנצען. זיי נישט בייז מיינע טהייערע. — איך וויל מיט דיר נאך אמאהל רעדין וועגען אונזער קינד, אין דיך בעטין, אז איך וויל דאס קינד נישט ערציהען.

בעקי: זאג מיר די אורזאכע מיין טהייערער מאן, וועל איך עס דיר צו-ליעב טוהן. עס איז דאך א שעהנהייט פון א קינד, אין קלוג איז עס, אז ער איז זעלטען אונטער קינדער אזא חכם צו טרעפען, עס איז דאך בטבע

אזא גיט קינד, אז שפעטער מיט יאהרען, וועט א יעדער זאגען, ער איז דער גוטהערציגע בעקי טיילערס זאהן.

הערדי: ניין! ניין! ליעבע בעקי, דאס קינד קען איך ביי מיר נישט האלטען. ערשטענס, וויל איך נעהמען צו ערציהען א קינד נאר פון איין יאהר אז טאמער וועלין מיר גאט בעהיט טאקי נישט האבען קיין קינדער, זאל דאס ערציהונגס קינד אונז געדענקען אלס עלטערן, אבער נישט אזא ערוואקסען קינד, וועלכער וועט וויסען אימער דאס ער איז נישט אונזער. און איבערהויפט איז עס עהנליך צו מיינם א פערשטארבענער שוועסטער, וואס זי איז זעהר יונג געשטארבען, און דאס ריהרט מיר אויף מיינע וואונדען ווען איך גיב אויף איהם אקוק. —

בעקי: וועגען דעם, דיר דאגעגען זיין וויל איך נישט. מיר וועלען איהם האלטען נאך עטליכע טאג, און איך וועל נאכזוכען ווי איהם גיט צו בעשטאטען, דען אזא טהייער קינד צוריקגעבען דער ארימער פאמיליע איז א שאדע, דען מען זעהט אז עס קען פון דעם קינד ארויסוואקסען א מענש. —

הערדי: דו ביזט מיין גאלד מיין אוצר מיין אלעס. —

בעקי: ווייסט הערדי? דאס קינד האט מארגען יאהרצייט נאך זיין פאטער.

הערדי: וועסטו איהם שיקען אין שיהל אריין, וועט מיט איהם דער שמש זאגען קדיש.

בעקי: זאלסט הערען ווי גיט ער זאגט אליין קדיש, נור מיט איהם מוז מען גיין זאגען קדיש צום וואסער, נישט אין שיהל אריין. —

הערדי: וואס מיינסטו דאמיט?

(או פטריט קינד)

קינד: גוטען מארגען פאפא! גוטען מארגען מאמא! — מאמא! ווער וועט מיט מיר מארגען געהן צום ריווער? מאמא? צו פאפא? אלע יאהר געה איך מיט עני'ן צום ריווער און זי ווייזט מיר, וועהסטו, אויף אזא גרויס וואסער איז דיין פאפא געפאהרען און איז דערטרונקען געווארען.

אין נישט מעהר צוריק אהיים געקומען צו דער מאמא. (הערדי בלאס)

בעקי: הערדי! וואס איז דיר? וואס ביזטו אזוי פערענדערט געווארען?

הערדי. ניין! ניין! גאר נישט, עס רעגט מיך אויף די ערצעהלונג (פרעגט דאס קינד) ווי הייסט דיין פאפא?

קינד: הערדי טיילער!

הערדי: יא, יא, אבער דיין גאטזעליגער פאפא?

קינד: אסנע זאגט „נחומ'ל חיי'ט" און מיין מאמא „פערעלע" —

הערדי: מיין!.. (קעמפפט)

בעקי: וואס איז דיר הערדי?

הערדי: גאר נישט, די געשיכטע איז זעהר טרויריג, (פרעגט דאס קינד) און וו איז דיין מאמא?

קינד: מיין מאמא איז אין יארפ אין א קערקער ארייגעזעצט, איך ווייס נישט פאר וואס, אסנע וועט קומען, וועט זי אייך אלעס ערצעהלען. — אסנע זאגט מיין פאפא איז אזוי שעהן געוועזען.

הערדי: (זאגט נערוועס אויפגערעגט) נעמט איהם פון מיר אוועק..

בעקי: וואס איז דיר הערדי? עס רעגט דיך אויף דיינע ערצעהלונג? קום א ביסעל אויף דער לופט, באלד קומט אסנע, וועט זי אונז ערצעהלען די ביאגראפיע פון דעם קינד מיט זיינע עלטערן.

הערדי: ניין! ניין! איך דארף קיין לופט, איך בין א... ווי אויפגערעגט געווארען דאפין, אז עס האט מיר אזש דאס הארץ גע ריהרט. (טען קלאפט)

בעקי: קאממען.

(אויפטריט יוזשע און אסנע)

אסנע: גוט מארגען! איהר וועט אונז ענטשולדיגען וואס מיר וועגען אייך געקומען דערקוטשען, מיר ווילען אייך בעטען איהר זאלט אונז געבען דאס קינד, מיר ווילען מיט איהם געהען זאגען קדיש נאך זיין כשר'ן טאטען ז"ל.

יוזשע: איהר האט אויף אייך גענומען א גוטען קלאפעט, — נור הערט איהר מיסטער טיילער! איהר זאלט געוועזען קענען זיין טאטען, און דאס

אונגליק וואס איהם האט נעבעך געטראפען, דאס אונגליק איז נאך גאר נישט ער איז געשטארבען, — שטארבען מוז א יעדער, פריהער צו שפעטער, דאס מצוה טענצעל מוז איעדער געהן, אבער זיין מאמע, ווי מען האט איהר די גוטע בשורה געזאגט, די מינוט, קענט איהר אייך שוין פארשטעלען, אלע יודישע טעכטער זאלען שוין אבגעהיט ווערען פאר אזא טעם, זי האט געשוואהרען נישט מעהר חתונה צו האבען און דורך דער שבועה האט זי איהר אייגענער שוועהר מיט זיין ברידער געבראכט אין קרימינאל און פון דעם פערמעגען.. אצינד איז זי שוין פריי — האבען מיר אייך געוואלט בעטען איהר זאלט...

הערדי: (ווילד) פריי? פריי? זי איז שוין פריי? נון! ווי איז זי? (צו יוזשע'ן) נון! ווי איז זי? (אסנע און יוזשע מערקען זיך אין פאנגען אן נאכצודענקען)

יוזשע: (קינד זיצט ווייטער) אט דא איז דער בריף.

אסנע: דעם בריף האט זי מיר ארויס געשריעבען פון דעם קערקער, ווען זי האט מיר איבערגעגעבען נחומל'ן. (יוזשע ווינקט צו אסנע'ן זיי זאלען אבגעהען און געהן ביידע אב)

בעקי: (לעזט) ליעבע אסנע! מיין אוצר, דאס אנדענקען פון מיין געטריעם געליעבטען מאן נחומ'ל, גיב איך דיר איבער, איך בעט דיך אין בעשוועהר דיך, זאלסט איהם היטען אזוי ווי איך, ביז גאט וועט זיך איבער מיר ערבארמען, און מיך פון דעם ווילדען קערקער בעפרייען. איינסטווייל איזט מיר וועהר שלעכט נח חיים מיט נאך אין עדות האבען געשוואהרען אלם צייגען אז זיי האבען מיך אליין געזעהען מיין הויז אונטערצינדען. מיין אדוואקאט גיט מיר שלעכטע האפנונג אז עס ערווארט מיך עטליכע יאהר קרימינאל. דאדורך בעט איך דיך אין בעשוועהר דיך, זיי א מוטער צו מיין קינד. יעדעס יאהר זאלסטו מיט איהם גיין, דעם טאג פון דער יאהרצייט פון מיין געליעבטע נחומ'ל ז"ל, צום וואסער, און איהם זאגען אז דארט ווי דאס וואסער לויפט אין די חוואלעס שלאגען, דארט ליעגט דער קערפער פון זיין פאטער וואס נאך איהם וועל איך מיין גאנץ לעבען ווינען און קלאגען.

לער'ן מיין קינד אז מען דארף א פאטער ליעבען און האלטען כבוד אב ואם. חאטשע ער האט זיין פאטער גאר נישט געקענט און ער זאל אויף זיין פאטער'ס שטאלץ זיין. און דיך אסנע וועט גאט דערפאר אבהיטען פון מיין ווייסטען טעם — דיינע פערעלע חיים.

(הערדי פאלט)

בעקי: מענשען! דיענער! שנעל ברענגט מיר ערצטע, ראטעוועט מיין מאן.

הערדי: ניין! ראטעוועט מיך נישט, איך בין א מערדער! א מערדער פון א געטרייער פרוי און איין פאטער אהנע הערץ. ווערסטו, אט דאס קלאגט נאך מיר מיין פרוי מיט א יאמערליך געוויין. און דא הייסט מיין קינד א יתום, וועהרענד זיין פאטער לעבט אין פריידע און אין לוקסוס —

בעקי: שנעל ברענגט מיר ערצטע, ראטעוועט מיר מיין מאן, ער איז חלילה פון זינען.

(בילד ציטער ביי פערעלע'ן, זיא זיצט ביים וויעגעל כאהר פיאנא אם כבנים וינגם)

הערדי: ניין! ניין! איך בין נישט פאס זינען, מיט ריינעם קלארען פער־שטאנד בין איך א מערדער געווארען פון אזוי פיעל נפשות. רירט מיך נישט אן, איך בין טמא. איך טאר מיך נישט געפינען אונטער מענשליכע געזעלשאפט, שטעהט נישט אין מיינע ד' אמות. איך בין א חוטא (קוקט צום בילד) שווייגט! עס איז נישט וואהר! עס איז נישט דא כרחם אב על בנים. שווייגט! איך בין אויך איין פאטער, ווי איז מיין פאטערהערץ? ביי מיר אין הערץ איז איין טייפעל, מיינע ברוי שמאכטעט דורך מיין לייכטזין אין קערקער (צום קינד) און מיין קינד הייסט דורך מיין רשעות עלענדער יתום. אה! חטאתי! עויתי! ופשעתי!

(פאלט צו באדען)

(פארהאנג פאלט ראש)

(ענדע פירטען אקט)

פינפטער אקט.

(ארמעס צימער, פערעלע זיצט אין זעהט זעהר בלאס אויס)

פערעלע: ווָךְ צו בֶּעקְלָאגֶען אויף דיר. גָאטוּנְיָא, וָואגֶען אַז דַיינֶע מַעֲשִׂים וֶוענֶען נִישְׁט רֶעכְט, קֶען אִיךְ נִישְׁט און אִיךְ טָאר נִישְׁט. וָוארִין וָואס מֶעהְר מֶען בֶּעקְלָאגְט זִיךְ אויף דִיר, וַוייזְסְטוּ אַלְס אַז דוּ קֶענְסְט נָאךְ שְׁטַארְקֶער. — נָאר אִיךְ בֶּעט דִיךְ, לָאז מִיךְ צוּרוּה, אִיךְ בִּין דִיר מוֹדֶה אַז דוּ קֶענְסְט. אִיךְ נֶעם אַלֶעס אָן פַאר לִיעֶב. מַיינֶע יָאהְרֶען הָאסְטוּ אָבְּגֶעהַאקְט בַּיים אָנְהֵייבּ בְּלִיהֶען, מַיין קְרוֹין פוּן מַיין קָאפּ מִיר צוּגֶענוּמֶען, מִיט שֶׁקֶר בִּילְבּוּלִים און גֶעפֶּעגְנִים מִיךְ גֶעפְּלַאגְט און גֶעמַארְטֶערְט, אַרְמַאט, נוֹיט, און הוּנְגֶער וְשַׁאלִיחִיסְטִי מִיר אויךְ נִישְׁט, זָאג וָואס נָאךְ פַאר אַ פְּגָעִים רָעִים הָאסְטוּ אִין דַיינֶע מַאגַאזִינֶען? אִיךְ וַוארְט אויף זֵיי. — אִיךְ וֶועל אויךְ זָאגֶען דָאסְזֶעלְבֶּע וָואס אִיוֹב הָאט גֶעזָאגְט: דָאס גוּטֶע פוּן דִיר קוּמְט אוּנְז און דָאס שְׁלֶעכְטֶע זָאלֶען מִיר נִישְׁט קֶענֶען דֶערְטְרָאגֶען? יָא! מִיר טְרָאגֶען אַלֶע דַיינֶע יְסוּרִים, בִּיז דַיין רַחֲמָנוּת קוּמְט אוּן מַאכְט אוּנְז וַוייטֶער לֶעבְּטִיג. נוּר... מִיר... לֶעבְּטִיג? לֶעבְּט פוּן מַיינֶעט וֶועגֶען? דָאס, אִיז שׁוֹין לַאנְג אָבְּגֶעשְׁטָארְבֶּען. נָאךְ וָואס הָאט מִיר מַיין מוּטֶערְ'ס בְּרוּסְט גֶעגֶעבֶּען מִילֶךְ מִיךְ צוּ עֶרְנֶעהְרֶען? פַארְוָואס בִּין אִיךְ נִישְׁט גֶעשְׁטָארְבֶּען וָוארִיז חַי אִיךְ בִּין אויף דֶער וֶועלְט גֶעקוּמֶען? אִיךְ וָואלְט מִיר אַצִינְד גֶעוֶועהְן גֶערִיהְט אָן צָרוֹת, אָן לֵייד און אָן שְׁמֶערְץ, וָוארִין נָאךְ וָואס טוֹיג דִי וֶועלְט דֶעם גֶעמַארְטֶערְטֶען מֶענְשֶׁען? (אויפטריט באבאד) צוּ וָואס טוֹיג לֶעבֶּען אַיין פֶערְבִּיטֶערְטֶער נְשָׁמָה? נָאר דוּ בִּיזְט גֶערֶעכְט גָאטוּנְיָא און גֶערֶעכְט זֶענֶען אויךְ דַיינֶע מַעֲשִׂים. (וויינט)

באבאד: גְלֵייבּ מִיר קִינְד מַיינְס, דוּא זִינְדִיגְסְט מִיט דַיינֶע רֵייד גֶעגֶען גָאט.

פערעלע: נֵיין לִיעֶבֶּער פָאטֶער! אִיךְ זִינְדִיג נִישְׁט, דֶען גָאט וִויל נִישְׁט מֶעהְר נָאר אִיךְ זָאל גֶעגֶען אִיהְם זִינְדִיגֶען, וָואלְטְ'ן אֶפְשַׁר מַיינֶע לֵיידֶען שׁוֹין אַיין עֶנְדֶע גֶענוּמֶען. אִיךְ זִינְדִיג נִישְׁט פָאטֶער.

באבאד: פֶערְצַאג נִישְׁט פֶּערֶעלֶע, דִיךְ קֶען נָאךְ פִיעֶל גוּטְ'ס עֶרְוַוארְטֶען, דוּ וֶועסְט נָאךְ זֶעהְן נַחַת בַּיי אוּנְזֶער נָחוּמְלְ'ן.

פערעלע: אֲפִילוּ מִיט דֶעם הָאט מִיךְ גָאט אויךְ גֶעשְׁטְרָאפְט. ווּי אִיז מַיין נָחוּמִיל? ווּי אִיז מַיין נְשָׁמָה? מַיין נָחוּמִיל?

באבאד: קֶענְסְט שׁוֹין הָאפֶען טָאכְטֶער מַיינֶע אויף אַיין הִילְף. דֶען אַז גָאט הֵייבְּט אָן צוּ הֶעלְפֶען, אִין וַוייזְט נוּר דִי עֶרְשְׁטֶע שְׁטְרַאהְלֶען פוּן הִילְף, הֵייבְּט שׁוֹין אָן צוּ טָאגְן אִין אַלֶע ווִינְקַאלֶעךְ. דוּ וֶועהְסְט דָאךְ אַז דִי עֶרְשְׁטֶע יְשׁוּעָה הָאט דִיר גָאט שׁוֹין בֶּעוִויזֶען, מֶען הָאט דִיר אַ יָאהְר גֶעשֶׁענְקְט פוּן דֶער שְׁטְרַאפֶע, און אַצִינְד פֶערֶעלֶע לֶעבֶּען, הֶער דִי צְווֵייטֶע יְשׁוּעָה פוּן זַיין לִיעֶבֶּען נָאמֶען. —

פערעלע: פוּן מַיינֶעטְוֶועגֶען אַ יְשׁוּעָה? אַפְרֵיידֶע? גָאטְטוּנְיָא! הָאסְטוּ דֶען נָאךְ בֶּעשְׁטִימְט פְרֵיידֶע פַאר מִיר? זָאג מִיר שְׁנֶעלֶער טַאטֶנְיָא דִי גוּטֶע בְּשׂוּרָה.

באבאד: לַאנְגְזַאם קִינְד מַיינְס, אַזוֹי גוּט ווִי מֶען ווִיל נִישְׁט זָאגֶען אַ מֶענְשֶׁען אַ שְׁלֶעכְטֶע בְּשׂוּרָה אַזוֹי טָאר מֶען נִישְׁט זָאגֶען רַאפְּטִים אַ בְּשׂוּרָה טוֹבָה, ווַייל עֶס אִיז גֶעפֶערְלִיךְ. הֶערְזְשֶׁע לַאנְגְזַאם — אִיךְ בִּין עֶרְפַאהְרֶען דִי אַדְרֶעסֶע פוּן יוֹזְשֶׁעְ'ן מִיט אַסְנֶעְ'ן. —

פערעלע: פָאטֶער וָואס זָאגְסְטוּ? פוּן אַמֶערִיקָא? זָאג מִיר שְׁנֶעל פָאטֶער.

באבאד: לַאנְגְזַאם טָאכְטֶער מַיינֶע. נִישְׁט פוּן אַמֶערִיקָא. נוּר זֵיי זֶענֶען שׁוֹין דָא אִין גַאלִיצְיֶען.

פערעלע: זֵיי זֶענֶען שׁוֹין דָא אִין גַאלִיצְיֶען? מַיין קִינְד? ווּי, לִיעֶבֶּער פָאטֶער?

באבאד: אָדֶעם בְּרִיעֶף, הָאבּ אִיךְ יֶעצְט פוּן זֵיי עֶרְהַאלְטֶען. (לעזט) לִיעֶבֶּער בַּעַל הַבַּיִת! זַייט ווִיסֶען אַז מִיר זֶענֶען גְלִיקְלִיךְ הַיינְט פְרִיה קַיין בְּרֶעמֶען אָנְגֶעקוּמֶען מִיט אַייעֶר אֵיינִיקֶעל נָחוּמִיל, עֶר אִיז ב״ה שֶׁעהְן אוּן זוּאהְל, אוּן אִיךְ בִּין ב״ה אַיין גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, נָאר ווַייל אִיךְ מוּז מִיךְ גֶעגֶען אַ גְרוֹיס עֵסֶק אויפְהַאלְטֶען אִין ווִיעֶן אַ פָּאר טָאג, שִׁיק אִיךְ אַייךְ הֶערוִויל נָחוּמְלְ'ן, מִיט אַ הֶערְרֶען וָואס אִיז מִיט אוּנְז צוּזַאמֶען

געבאהרען פון געוויארק אויף דעמזעלבען שיף — ער האט נחומלין אזוי ליעב. גלייך ער וואלט געווען זיין איינען קינד. איך קום ערשט אויף שבת. איך גריס אייך מיט דער ליעבען פרוי פערעלע. אייער געוועזענער משרת - יושע מיט אסנעין. —

פערעלע: (פריידיג) פאטער! מיין נחומ׳ל קומט? מיין קינד מיין נחמה קומט?

באבאד: בערוהיג דיך פערעלע. זיי נישט אזוי פערווירט. נעם גרייט עפּיס אן צו טראקטירען דעם העררן וואס וועט קומען מיט׳ן קינד און איך געה צום צוג. ער דארף באלד אנקומען. וועל איך דאס קינד ערווארטען. און דו פערעלע זיי נישט אזוי איבערראשט (באבאד אב)

פערעלע: מיין בן יחיד׳ל קומט. מיין איינציגע נחמה. גאטוניא! די שוועהר עס זענען דיינע יסורים אויף דעם מענשען. אבער פיעל גרעסער זענען דיינע חסדים. רבונו של עולם! זיי מיר מוחל. אפשר האב איך געגען דיר געזינדיגט מיט מיינע פריהערע רייד. ביזט א אל רחום וחנון זיי מיר מוחל. ווייל דאס הארץ איז מיר שוין געוועזען זייער איבערפילט. עס איז שוין געוועהן באו מים עד נפש.

(סען קלאפט)

פערעלע: ביטע!

(אויפטריט קינד)

קינד: איז דאס מיין מאמא?

פערעלע: מיין קינד! מיין עלענד יתומ׳ל! מיין טרייסט נאך מיין ליעבען ברילאנט מיין נחומ׳לין! (וויינט)

קינד: מאמא! דער מיסטער וואס האט מיך געבראכט. פרעגט צו ער מעג אריין קומען.

פערעלע: וואס איז דאס פאר א פראגע? (עפנעט די טהיר) ביטע נעהמט געעהרטער העררר. גאט זאל אייך אזוי ערקוויקען ווי איהר האט מיך ערקוויקט.

(אויפטריט נחומ׳ל)

פערעלע: ביטע געעהרטער... העררר... מיין גאט! (פאלט אויף דער ואפע)

נחומ׳ל: פערעלע. בערוהיג דיך מיין אונשולדיג קרבן. פערעלע! דער-קענסט מיך?

פערעלע: (שוואך) ווער זענט איהר? זאגט מיר שנעלער!

נחומ׳ל: איך בין דיין נחומ׳ל, דיין מלאך המות. וועלכער האט דיר אזוי פיעל שמערצען פערורזאכט. אבער דאך פערעלע בעטע איך דיך, פערציי׳ע מיר, זיי מוחל דעם אדם שפל וואס שטעהט יעצט פאר דיר און האט נישט דעם ווערט אין דיין עהרליך ערלע פנים צו קוקען.

פערעלע: נחומ׳ל! מיין נחומ׳ל! מיין קרוין נחומ׳ל! זאג מיר שנעלער וואס איז מיט דיר געשעהן? וואס פאר איינע אוננאטורליכע וואונדער האט דיר גאט בעוויזען? און וואס פאר איין פערברעכען ביזטו דען געגען מיר בעגאנגען? גאטוניא! צו האסטו מיך שוין מיט שגעון אויך געשלאגען? צו דארף איך נאך ארומלויפען אין די גאסען משוגע און מבולבל? וואס זעה איך? ווען זעה איך? זעהן דאס מיינע אויגען? צו דענקט דאס מיין מיושב׳ר פערשטאנד? בין איך אין דעם אויגענבליק פערריקט געווארין? איז דאס אחלום אדער א שגעון? ...

נחומ׳ל: ניין פערעלע! ביזט חלילה נישט פון זינען. משוגע. פערריקט און פערפיהרט בין איך געווען. איך פרעג דיך. אויב עס געפינט זיך נאך אין דיין הארץ ליעבע פיר דעם חוטא און אויב עס געפינט זיך נאך איין געדאנק אין דיין מוח פיר דעם וואס האט דיך אזוי פיעל געמארטערט און געפלאגט, זא פערגעס, און זיי איהם מוחל. (וויינט)

קינד: מאמא! קוועהל נישט אזוי דעם פאפא. דער פאפא האט שוין דארט גענוג געוויינט, דער פאפא איז נישט אזא שלעכטער מענש ווי ער זאגט (קישט זי)

פערעלע: מיין קינד! מיין טהייער יתומ׳ל!

נחומ׳ל: נישט דיין יתומ׳ל נאר דיין גליקליך קינד. — פערעלע! ווען דיין מאן שטעהט נעבען דיר און בעט רחמים כעני בפתח, זיי מיר מוחל. וואס וואלט גאט מעהר געוואלט אז זיינע רשעים זאלען פאר איהם אזוי קניען און מיט אזא ריין הארץ בעטען מחילה פאר זייערע חטאים? —

פערעלע: (וויינט) נחומ׳ל מיין מאן! (ביידע וויינען)

(אויפשטייט באבאד)

באבאד: פערעלע, מיטדעם צוג... רבונו של עולם! וואסזשע איך? חלומען זעהען מיינע אויגען? ווער ווענט איהר מיין ליעבער הערר? פערעלע, ווער איז דער מענש? רבונו של עולם! מיין מוח...

קינד: דאס איז מיין פאפא. — (ווענדעט זיך צום פאטער) פאפא! איז דאס אפשר מיין ווידעניא וואס אסנע האט איהם אזוי ליעב?

נחומ׳ל: יא מיין קינד! (ווענדעט זיך צו באבאד) פאטער! אמת האריך איינעמ׳ס רשעות געהט א גאנץ בנין צוגרונד, פאטער! מיינע זינד האב איך שוין דא מתודה געוועהן, א חייב מיתה׳ניק שטעהט אצינד פאר אייך, און מיט בושה און בזיון קוקט ער אין די פענימ׳ר פון זיינע קרבנות און פערלאנגט פון אייך א תשובה. גיבט מיר א תשובה. —

באבאד: נחומ׳ל מיין איידים! דאס געליעבטע הארץ פון מיין טאכטער! נחומ׳ל זאג מיר וואס פאר איינע מופתים זענען מיט דיר געשעהען וואס פאר איינע ניסים האט דיר גאט בעוויזען און וואס פאר איין חוטא ביזטו?

נחומ׳ל: דאס גאנצע ליידען וואס איהר האט געליטען, איז געוועהן דורך מיין רשעות, דורך מיין מערדעריי.

באבאד: דאס הייסט ביזט געוועזען א בן סורר ומורה, האסט ביי מיר צוגענומען די זון, און האסט זיא פערשווארצט מיט וואלקענעס, האסט ביי מיר גענומען א בריליאנט, און איהם צוריעבען אויף אמיהל-שטיין, האסט ביי מיר גערויבט איין אוצר און איהם געטרעטען מיט די פוס, זעה! (ווייזט אויף פערעלע׳ן) האב איך דיר אזא פנים געגעבען ווי דוא האסט דאס אצינד געמאכט? איך האב דיר געגעבען ששון ושמחה, און דו האסט מיר בעצאהלט מיט יגון ואנחה, איך האב דיר געגעבען פרייד, און דו האסט מיר בעצאהלט מיט לייד. אוועק פון מיינע ד׳ אמות ירבשם בן נבט, לאז מיין טאכטער נאך דיר קלאגען,

ביז אין איהר ט״ט אריין, לאז זיא מיינען אז דוא ביזט טויט, אין דיר בלייבען עהרליך און געטריי, איידער זיא זאל דיין מרדהדיגע צורה אנקוקען, און זעהן דעם מלאך המות ביי זיך יעדען מאמענט.

נחומ׳ל: אמת פאטער! איך טאר אין אייערע ד׳ אמות נישט שטעהען איך בין טמא, אבער בערעכענט פאטער, ווען השם יתברך זאל אזוי דעם זינדער זיין תפלה צוריק ווייזען ווי איהר מיר, ווען גאט זאל דעם חוטא׳ס תשובה אזוי אוועק ווארפען ווי איהר מיך, וואלט די וועלט שוין לאנג קיין קיום נישט געהאט.

באבאד: דיין תשובה? וואס איז דיין תשובה? ביזט מודה דיין רויבעריי און גענוג? אז א רוצח איז מודה וויפיעל נפשות ער האט געמארדערט גיי לאז איהם פריי. א תשובה ווילסטו? יא איך וועל דיר ארויס געבען א תשובה, נע ונד צו זיין דיין גאנץ לעבען, מיט קיין עהרליכען מענשען דארפסטו קיינע 2 ווערטער נישט רעדען, מיט ברויט און וואסער זאלסטו לעבען ביז אין דיין טויט, קליינע קינדער זאלען דיר נאך שפייען ווען און ווי זיי וועלען דיך טרעפען, אין קיין מקום קדוש זאלסטו נישט טארען אריין קומען און דאמאלס ערשט וועט דיר גאט אפשר מוחל זיין, אבער איך קיינמאהל נישט. —

פערעלע: (שרייט) פאטער! פאטער! פארגעס נישט, אז ער איז דיין פערעלע׳ס מאן, פארגעס נישט, אז ער איז דער פאטער פון מיין קינד, וואס עס האט נאך זייט עס לעבט פון קיין גוט׳ס נישט געוויסט. עס איז דאך דער נחומ׳ל, וואס מיין הארץ קלאגט און וויינט נאך איהם אזוי שווער און ביטער, איך בין איהם מוחל.

באבאד: דוא ביזט איהם מוחל פערעלע? מיין פערעלע!

פערעלע: און דיין פערעלע בעט ביי דיר, זאלסט מוחל זיין דעם וואס דיין טאכטער קלאגט נאך איהם.

קינד: ווידעניא! לאז נישט וויינען דעם פאפא מיט דער מאמא. (אלעס וויינט)

באבאר: פערעלע! װער װײסט, צו אין דער מינוט, װען מיר פערגעסען איהם דײנע זינד, צו עס זיצט נישט אצינד אין אנדערע, אײן אנדער קרבן, און יאמערט און קלאגט אויף איהם. װאס ער האט זיא אזוי פעראומגליקט װי דיך ?

נחומיל: נײן פאטער! 3 חלקים פערמעגען האב איך אװעק געגעבען מען זאל מיך בעפרײען, אויף דעם װעגען דא עדות יאזשע מיט אסנען און דאס אלעם בעשטעטיגט אויך דער רב הכולל.

פערעלע: פאטער, פערצײהע איהם, זײ איהם מוחל.

באבאר: איך בין איהם מוחל, איך בין איהם מוחל.

פערעלע־נחומיל (בײדע פאלען באבארן צו די פוס) **מײן עדלער פאטער! מײן בכבודער פאטער!** (פאזיציאן)

(פערװאנדלונג)

(ספראכע, אסנע און יאזשע אמעריקאניש געקלײדעט מיט רענצליך אין די הענד)

יאזשע: נא, אצינד געלויבט איז גאט מיר זענען שוין אין אונזער הײם. יא די הײמישע לופט שמעקט גאר אנדערש, אגאנץ אנדערע מארע. קלײנע קינדער זענען שוין גרויס געװארען, גרויסע האבען זיך געעלטערט, אלטע זענען געשטארבען, מען מוז זיך שוין גוט צוקוקען צו אמענש מען זאל איהם דערקענען. די גאסען אלײן זענען שוין אויך געענדערט... אה! דאס איז משה חײמ'ס הויז, עס איז גאר נישט צום דערקענען, װי איז דאס פארפוטצונג? װי איז דאס פארגעניקיל? װי זענען די בײטען מיט בלומען װאס זענען געװעהן פאר דעם הויז? עפים װי נאך אשריפה.

אסנע: קוק נאר אן, דאס איז ר' אברהם חײם באבאד'ס הויז?

יאזשע: זעהסט דען נישט? דערקענסטדען נישט? אט האסטו דאך אפילו די שילדען פינים פאריגעשעפט.

אסנע: יא! יא! װי אזוי מאכט דאס יאזשע? נא... נא... נאך — הא — הא...

יאזשע: דאכט זיך מיר אז דו ביזט שטימפינג אין דער עברי, עס מאכט נאר־נאך־הי־יעט־װײ־װײ־פאריגהענדלער.

אסנע: א װײטיג איז נישט מיר יאזשע! אויף ר' אברהם חײם באבאד'ס הויז נח חײט? װאס איז דאס?

יאזשע: אמעריקאנישע מיססים! װאס פערשטעהסטו נישט? ר' נח חײט האט אודאי געמוזט אבקויפען ר' אברהם חײם באבאד'ס הויז, און איהם ארויס געװארפען און האט זיך אין דעם הויז געמאכט אײן פאריגהאנדלונג. ימח שמו! — אסנע! גײה ברענג א פיאקער נאר א צװײ־שפענער װעלין מיר געבען אפאהר צו, צו ר' משה חײט אזוי װי די מיליאנטשניקעס. אסנע! זאלסט דיך צושטרעקען אויפ'ן פיאקער אזוי װי א מיליאנטשניקעבי. נאר זאלסט ברענגין אפיאקער מיט צװײ װײסע שימלען. (אסנע אב) נא אצינד װעל איך אנהײבען צו שיטען מיט ליעגענד אזוי װי אײן אמעריקאנער פאסט, װארין מיר אמעריקאנער האבען אײן שלחן ערוך, אז מען קימט צוריק פון אמעריקא נאך אײראפא, איז װיפיעל מען קען באקען זאל מען באקען. איך האב מיט געבראכט אײן פיל רענצעל מיט ליעגענד, איך װעל זײ דארטער־צעהלען אזוינע עטליכע ליעגענד, אז עס װעט זיך זײ אויפשטעלען די האר אין קאפ. צום בײשפיעל „אזוי װי דאס איז אמת" אט װעט איהר הערען:

1.

אז שלמה המלך, איז אײן נער געװעהן,
און אז לוט האט בײ זײן לעבען, קײן משקה נישט געזעהן,
און אז אין מצרים, האט מען ליעב געהאט איודען,
און אז עשו מיט יעקב'ן, האבען געלעבט צופריעדען,
א יא ס'איז אמת. אמת, אמת, אמת, װאס איך זאג.
און אז אין סדום, זענין געװעזען צדיקים גרויסע,
און אז אחשורוש, האט פײנד געהאט א כוסה,
און אז המן'ן, מעג מען נאך זאגען שבחים,

און אז דיין ווײַטא איז געוועהן אחכם,
אמת, אמת, אמת, אמת, אמת, וואס איך זאג,
אמת, אמת, אמת, אמת, אמת, וויא דער טאג | ביס

II.

און אז ראטה־זילד, איז ארים ווי די נאכט,
און אז פאר דער שיהל, שמעקט נאר א פראכט,
און אז א שוויגער, איז איהר שנור געטריי,
און אז דרייפוס, איז אמיזוסט ארוים פריי.
א יא ס'איז אמת, אמת, אמת, אמת, וואס איך זאג.
און אז אין קאפעהויז, לערנט מען משניות,
און אז פאדער, איז ביי די דאמען נאר נייעס,
און אז פורים, עסט א יעדער קניידלעך,
און אז יונגע לייט, האבען פיינד די מיידלעך.
אמת, אמת, אמת, אמת, אמת, וואס איך זאג,
אמת, אמת, אמת, אמת, אמת, ווי דער טאג. | ביס

III.

און אז אויף פסח, דארף מען האבען סכך,
און אז ווייבער, האבען פיינט צו רעדען אסאך,
און אז אין די צייטונגען, איז אמת אלעס,
און אז די נעוויארקער רעביצין, דאבינט אין אטלית.
א יא ס'איז אמת, אמת, אמת, אמת, וואס איך זאג.
און אז א שדכן, זאל קיין ליגענד נישט זאגען,
און אז ווייבער שכנים, זאלען קיין פלאטקעס נישט טראגען,
און אז אין דעם טעאטער, זאל תמיד פיל זיין,
און אז אמיזוסט, איז היינט קיינער נישט אריין.
אמת, אמת, אמת, אמת, אמת, וואס איך זאג.
אמת, אמה, אמת, אמת, אמת ווי דער טאג. | ביס

(יוזס: אבי)

— פערוואנדלונג —

(ארים צימער ביי משה חיים און יאקיל)

יאקיל: נישט קיין פראסטע מלאכה א גאט צו זיין, זיין וועלטעל פיהרען איז גאר נישט מענשליך. אז ער וויל איינעם שפיעלען אקאלאמייקע, קען מען צושפרינגען ווערין טאנצידיג. וואס טהוט ער אנאנצען טאג? ער קלויבט צוזאמען ערד אין קלעבט פון דעם אוים מענשעליך, בלאזט אין זיי אריין נשמהלעך, שיקט זיי אראפ אויף דעם עולם און זאגט צו זיי פרו ורבו. דאס הייסט רייסט אייך און בייסט אייך. און מען רייסט זיך און מען בייסט זיך. ביז גאט נעמט אפ דאס נשמהלע און מען ליינט צוריק אין דער אדמהלע. טאקי מיין ר' משה חיים מיין איך. אז גאט האט איהם שוין יא בעשעהרט אזוי פיעל גיטס, קאמאנדירט גאט האלט! ווערט פון אלעמין איין איבערקעהריניש. פון ר' משה חיים ווערט אשכור. וואלגערט זיך אין די גאסען, דאס פערמעגען נעמט צו דאס געריכט און מיר צאהלט מען פון זיינע פראצענטע איך זאל איהם פערזארגען. א שיינער תכלית איז פון דעם מענשען געווארן.

משה: (מען הערט אונטער דער קאלים) הבוחן ובודק (ער ערשיינט) געגעזענע סטרינים.

יאקעל: ברוך הבא! איהר ווענט הונגעריג העהר חיים? אט גיי איך הייסען ברענגען עסען.

משה: יאקיש! איך האב נאך ארעכט צו בעפעהלען, איך בין געוועזען געמיינדעראטה, און איך בעפעהל אז דער שלאג זאל איהם טרעפען.

יאקעל: נא, ווערט ער איהם אוודאי טרעפען.

משה: שוין! זאל ער איהם טרעפען.

יאקעל: (שרייט ארוים) שוין! זאל ער איהם טרעפען.

משה: איך מיין די גאנצע וועלט מיט מיין ברודער נח צוזאמען. יאקיש! איך בין נישט שכור.

יאקעל: ניין! נישט פשוט פערבאניוועט.

משה: ר' אברהם חיים וועט שטארבען, וועט ער מיך שלעפען אין די

תכריכים איך זאל אבגעבען דין וחשבון, פאר איהם און פאר זיין פערעלע'ן. גיב מיר אביסעל בראנפין... נאר גיין! איך טרינק נישט מעהר!

יאקעל: (רעד צו זיך שטיל) אוי עס האלט שוין ווייט מיט איהם — אבער דער ווייל זענט איהר דאך הונגעריג?

משה: יא! געה ברענג מיר עסען — נאר גיין! ווארט אוים אויף שפעטער איך וויל דער ווייל אביסיל שלאפין — הערסט? זאלסט מיך נישט שטערען איך וויל אביסיל שלאפין. (יאקעל אב) (משה רעד צו זיך) שוין זיינע פטור געווארין, אבער באלד וועט מען אויך מיינע פטור ווערין. איין עק מיט משה חיים. (נעמט אשטריקל) קים שטריקאלע מאך איין עק מיט משה'ן, גענוג געזינדיגט אויף דער וועלט און גענוג געשכורט. (זעהט אסידור) אה! אסידור, אשטיקאלע ווידוי... זאג משה חיים עטליכע יודישע ווערטער איידער דו שיקסט אב דעם גרויסען גאט דיין מערדערישע נשמה. (זאגט און וויינט) אתה הראת לדעת כי ד' הוא האלוקים אין עוד מלבדו. לעושה נפלאות גדולות לבדו כי לעולם חסדו. (בלייבט שטיל)

(אויפטרעט יוזשע און אסנע)

יוזשע: קיינער נישט דא? (קוקט זיך אוים אין שטוב) ווי איז דאס די שטוב, דאס ליסטיגקייט, עפים איז אלעם אב געשטארבען. (משה וויל ווייטער זאגען) אה! הערר חיים! ...

משה: ווער זענט איהר? וואס ווילט איהר? איהר וועט קימען שפעטער.

אסנע: הערר חיים! איהר דערקענט נישט אייער אלטע דיענסט אסנע'ן וואס האט אייך אזוי געטריי געדיענט, מיט איהר מאן יוזשע'ן?

משה: ... יוזשע! ... אסנע! איהר זענט עס? איך האב אייך גאר נישט דערקענט. ווען זענט איהר געקומען? און ווי איז מיין איינ'קעל? אודאי ביי ר' אברהם חיים'ן און ער לאזט איהם נישט געהן צום זיידען דעם שכור, נאר ער איז גערעכט. יוזשע! איך טרינק נישט

מעהר איך בין נישט שכור. מי יודע ווער בין איך, א משל כחרס הנשבר ווי א וויאטער ווירפאליע. יוזשע! מיין ציפרה איז שוין געשטארבען און יאקיש איז מיין פערוארגער. געהט קינדער ברענגט מיר מיין איינ'קעל.

יוזשע: הערר חיים! מיר וועלען אייך ברענגען דאס קינד אבער אייער זוהן נחומ'ל לעבט אויך נאך.

משה: יוזשע! וואס זאגסטו? מיין נחומ'ל לעבט נאך? נא ווי איז ער? עה! איהר לאכט אויך אוים דעם נארישען שכור?

אסנע: חלילה הערר חיים! מיר לאכען נישט אוים אייך, אייער זוהן נחומ'ל לעבט און איז אצינד געקומען צוזאמען מיט אונז, נאר ער איז געגאנגען פריהער צו פערעלע'ן און אונז האט ער געהייסען אהער גיין אייך די גוטע בשורה זאגען.

משה: מיין זוהן... מיין נחומ'ל לעבט? ווי אזוי איז דאס מעגליך? יוזשע אפשר ביזטו שכור?

יוזשע: גיין הערר חיים! איהר וועט נאך צוריק האבען נחת און פרייד.

(אויפטריט יאקעל)

יאקעל: הערר חיים... ווער איז דאס? אהי נא מעבי! יוזשע! אסנע, וואס איז דאס? נא וואס שטעהסטו אזוי? גיב אהער דעם פיסקאטש...

יוזשע: נאו! מיר אמעריקאנער קישען זיך נישט. מיר געבען נאר אקוועטש מיט דער האנד אונד האלא מיסטער הושאקעל און דאטסאל.

משה: יאקעל! מיין זוהן, מיין נחומ'ל, לעבט נאך און ער קומט באלד אהער.

יאקעל: אויסגעניכטערט און אויסגעניכטערט און ווייטער שכור.

יוזשע: שכורים זענט עטן, וואס עטן האט פון דעם מענשען געמאכט אשכור, ווייל ער איז בטבע אגוטער מענש און וואס א יעדער האט איהם אנגערעד איז גוט געוועהן. האט איהר אוים איהם געמאכט

א שכור. אצינד איז ער נישט שכור, נחומ'ל לעבט ער איז אצינד
ביי פערעלען און קומט באלד אהער.

יאקעל: דאכט זיך אז פון זיין האויך ביזטו אויך שכור געווארען, וואס
רעדסטו? ווי איז דאס מעגליך?

יושע: אלעס איז מעגליך! זאג נאר! דוא ביסט שוין אמאל געפאהרען
אויף דעם גרויסען ים מיט אגרויסער שיף מיט 7777 קיימינים?

יאקעל: זאל מיך גאט שומר ומציל זיין!

יושע: דערפאר האלטזשי דעם פסק און פרעג נישט איבער גאטס
וואונדער. דעם ראש השנה געה איך מיט אסנע'ן צו תשליך האבען
מיר דערזעהן פון דער ווייטענס א שיף אנקומען. פליצים געבען מיר
אקוק, געהט ארוים פון דעם שיף א העררר. און מיר דערקענען איהם
אז ער איז אונזער נחומ'ל, הייבען מיר אן צו שרייען נחומ'ל! נחומ'ל!
און ווי ער דערהערט רופען נחומ'ל, גיט ער זיך אקוק אום און דער־
זעהט אונז און גיט א געשריי מיסטער יושע! און מיסעם אסנע!
מיר האבען זיך תיכף געקויפט איין איינענע שיף, און ווי זאגט אסנע?
טראסקיי אהיים.

(אויסטריט באבאר, נחומ'ל, פערעלע, און קינד) (אלגעמיינע איבערראשונג.)

משה: מיין נחומ'ל! מיין טהייער קינד! מחותן.. ר' אברהם חיים! מיט
וואס פאר א פנים שטעה איך אצינד פאר אייך? איך בעט אייך זייט
מיר מוחל.

באבאר: אייערע געוויסענסביסע און דאס וואס איהר זענט אליין מודה
אז איהר זענט א חוטא, דאס געניגט מיר. און גאט זאל אייך אזוי מוחל
זיין ווי איך בין אייך מוחל.

יושע: אזוי! אזוי! פיהרט זיך גאט זיין וועלטעלע, עס שלאפט נישט
אונזער טאטיניא אונזער שומר גאטיניא, און מיר אתה בחרתנוקלעך
שרייען צו דיר: רבונו של עולם, הארא —
אז יודעלע איז אמאל אין א נויט,

צי אויף דעם ים צי אויף דער יבשה,
רעטעט איהם גאט פון דעם טויט,
און פון די הענד פון א רשע.
און וואס נאר א צרה יודעלע האט אויף זיך,
דארף ער נאר געבען צו זיין גאטיניא א קרעכצעם
איז שוין זיין ישועה דא באלד און גיך,
און עס געשיהט איהם נאר קיין שלעכטעס.

פערצעט: וויל, וויל, וויל, עס שלאפט נישט אונזער גאטיניא אין הימעל
אונזער שומר גאטיניא.
פון אונז ישראליקיל אתה בחרתנוקלעך, | קאהר
מיט חשק זינגען מיר רבונו של עולם, הארא. | בייסם

טאנץ

(פערהאנג פאלט לאנגזאם).

ענדע